זיבעצענטער יאָהרגאַנג

№ 33

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". פרייז 20 גראָשען.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 19 sierpnia 1938 | 641 ליכט-צינדען | פרייטאָג פ׳ עקב כ״ב אב תרצ״ח

Bibl. Jagiellońska Kraków
Dr. Aug 19

Dr. med.

Maria Kohn-Szajnowa

choroby kobiece i akuszeria

powróciła

Al. Wolności 3-5. tel. 18-62.

Dr. med.

FELIKS NOWAK

CHIRURG

powrócił

אַגרוס פון ארץ-ישראל

פון די טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט.

צוליעב דער יעצטיגער לאַגע וויל איך בערוהיגען די אַלע, וואָס האָבען קינדער, פאַמיליעס אדער פריינד אין א״י, אַז ביז׳ן היינטיגען טאָג האָט קיינעם פון די טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט נישט געשאַדט קערפּערליך.

גדל פרייטאַג

פאָרזיצענדער פון די טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט אין תל-אביב.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2 i Warszawska 37.

מאַכט בעקאַנט, אַז איצט ווערט געוואַשען מיט א הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ, וואָס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאַפט האָבען מיר פערבּיליגערט די פּרייזען:

א קאָלנער מיט א הערליכען גלאַנץ 10 גר.

א העמד — — — 40 „

אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פּרייזען אויף כעמיש וואַשען און פאַרבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט.

ספּעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

אַלע צורייזענדע פון טשענסטאָכאָוו, וויעלון און אנדערע שטעדט

טרעפען זיך אין פּויזען

אין יודישען האָטעל און רעסטאָראַן פון

R. Moszkowicz, Poznań, Wielka 12

געשמאַקע עסענס. בעקוועהמע צימערען.

PODZIĘKOWANIE.

WPanu D-rowi Jerzemu Dobrzyńskiemu

za bezinteresownie i szczęśliwie dokonaną operację oraz za nadzwyczaj troskliwą opiekę okazywaną mi po operacji serdeczne podziękowanie składa

FELA BORNSTEINÓWNA.

DYREKCJA

Gimnazjum, Liceum i Szkoły Powszechnej D-ra Axera

w Częstochowie, ul. Focha 24,

w zarządzie

Żydowskiego Towarzystwa Oświatowego „Wiedza i Postęp"

zawiadamia, że zgłoszenia są przyjmowane codziennie w godzinach 10—12 przed południem.

Egzaminy wstępne powakacyjne rozpoczną się w czwartek, dn. 1 września 1938 o godz. 9 rano.

Nadmienia się, że wszystkie klasy szkoły powszechnej zostają z nowym rokiem szkolnym uruchomione.

Z intencji zaślubin panny EWY ZOMPERÓWNY z panem SZYMONEM HOROŃCZYKIEM Młodej parze szczęścia i pomyślności a rodzicom pociechy życzą.

Sz. JELINOWIE.

לידידנו וקרובנו העורך דין **יעקב ברקוביץ**

לרגלי נשואיו את העלמה **צישה לאנדוי**

אחולינו הלבביים.

יעקב שאיא ורעיתו, שמואל שאיא ורעיתו

את חברנו הנכבד העורך-דין **יעקב ברקוביץ**

לרגלי נשואיו את ב״ל העלמה **צישה לנדוי**

מברכים בברכת מזל-טוב

חברי המערכת „ווילנער צייטונג".

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוועסטערן-טאָכטער און קוזינע **חיה לעשטשיק**

מיט ה׳ **העניך כמורא** ווינשען מיר די עלטערן פיעל נחת און די פערלאָבטע א גליקליכע צוקונפט

פאַמיליע סולמירסקי, וויעלון

אכטונג דאַמען!

עס האָט זיך געעפענט א

וואַרשטאַט פון דאַמען-שניידעריי

קאַטעדראַלנע 8

אָנגעפיהרט דורך די בעסטע קוואַליפיצירטע שניידער, וועלכע האָבען געאַרבייט אין ערשטקלאַסיגע וואַרשטאַטען.

די אַרבייט ווע״ט אויסגעפיהרט רעיעל, פּינקטליך און צו צוגענגליכע פּרייזען.

ווער עס וועט ביי אונז בעשטעלען בלייבט אונזער שטענדיגער קונה.

מיט אכטונג **ש. מלאָדינאָוו** און **ב. וואָלמאַן**

קאַטעדראַלנע 8, אין הויף, 1-טער שטאָק.

TOWARZYSTWO ŻYDOWSKICH SZKÓŁ ŚREDNICH i POWSZECHNYCH

w CZĘSTOCHOWIE

zawiadamia, że

egzaminy do szkoły powszechnej, gimnazjum i liceum

rozpoczną się

w czwartek, dnia 1 września o godz. 8 rano

Zgłoszenia przyjmuje codziennie od 10—12 kancelaria szkół, ul. Jasnogórska 8|10, telef. 11-58.

פּאָלאַ אַראָנאָוויטש אהרן גאָלדבערג

תנאים געשריבען

טשענסטאָכאָוו | אין סערפּיען 1938. | בענדין

מזל-טוב ווינשען מיר אונזערע ליבע מחותנים צו די תנאים פון אונזערע ליבע קינדער **אהרן** מיט פרל. **פּאָלאַ אַראָנאָוויטש** דעם יונגען פּאָר אונזערע הארציגסטע ברכות.

עלטערן: אברהם גאָלדבערג און פרוי

אונזערע מחותנים ר׳ אברהם גאָלדבערג און פרוי צו די תנאים פון זייער ליבען זוהן **אהרן** מיט פרל. **פּאָלאַ אַראָנאָוויטש** א הארציגען מזל-טוב, דעם יונגען פּאָר א בליהענדע צוקונפט.

קלאָמניץ. **חיים יוסף רוזשאַנסקי.**

מזל-טוב צו די תנאים פון אונזער ברודער און שוואגער **אהרן** מיט פרל. **פּאָלאַ אַראָנאָוויטש** א בליהענדע גליקליכע צוקונפט מעמקא דליבא און די עלטערן פיעל נחת ווינשען

דוד גאָלדבערג און פרוי

פיעל נחת אונזערע עלטערן און א הארציגען מזל-טוב אונזער ליבען ברודער **אהרן** צו זיין תנאים מיט פרל. **פּאָלאַ אַראָנאָוויטש** ווינשען

משה גאָלדבערג און פרוי ראַדאָמסק

צו די תנאים פון אונזער ברידער און שוואגער **אהרן גאָלדבערג** מיט פרל. **פּאָלאַ אַראָנאָוויטש** א הארציגען מזל-טוב, די עלטערן — פיעל נחת, ווינשען **פּנחס סאָלאָמאָנאָוויטש און פרוי, בענדין**

מזל-טוב און פיעל גליק ווינשען מיר אונזער ברודער און שוואגער **אהרן** צו זיין תנאים מיט פרל. **פּאָלאַ אַראָנאָוויטש** די עלטערן פיעל נחת ווינשען

יעקל גאָלדבערג, פרוי און קינדער

מיין בעסטען פריינד און חבר **אהרן גאָלדבערג** צו זיין תנאים מיט פרל. **פּאָלאַ אַראָנאָוויטש** א הארציגען מז״ט און א בליהענדע צוקונפט

דאָמבראָווא-גור. **וואָלף נייסשטעטער**

צו די תנאים פון מיין ליבען פריינד **אהרן גאָלדבערג** מיט פרל. **פּאָלאַ אַראָנאָוויטש** א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען

קלאָמניץ. **אברהם רוזשאַנסקי**

מזל-טוב אונזער ג׳ שעף ה׳ **אהרן גאָלדבערג** צו זיין תנאים מיט פרל. **פּאָלאַ אַראָנאָוויטש** א בליהענדע גליקליכע צוקונפט

פערסאָנאַל פון דער גילזען-פאַבריק „פּאָלאָניא", בענדין

צו די תנאים פון אונזער קוזינקע **פּאָלאַ אַראָנאָוויטש** מיט ה׳ **אהרן גאָלדבערג** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט די עלטערן פיעל נחת און פרייד ווינשען

דוד פּיליפּאָוויטש און פרוי

Wujowi Aronowi Goldbergowi z intencji zaręczyn z panną Polą Aronowiczówną, życzą dużo szczęścia i pomyślności

Zelig, Markus, Sabina. Hania

Z intencji zaręczyn wuja Arona Goldberga z panną Polą Aronowiczówną składają najserdeczniejsze życzenia

Mićia, Zelig, Szmulek

נ״ע פּייגל פּיינער

פון דרהיים **עלסטער** אשת ר׳ **שמואל לייזער** ז״ל

איז געשטאָרבען נאָך לאַנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 79 יאָהר.

די לויה איז פאָרגעקומען פרייטאָג, דעם 12 אויגוסט 1938 (ט״ו מנחם אב תרצ״ח).

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס א דאַנק אַלע פריינד און בעקאַנטע, וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין דער לויה און אָבגעגעבען אונזער טייערער נפטרת דעם לעצטען כבוד, די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

זוהן, טאָכטער, שניר, איידעם, ברודער, שוועסטערן, אייניקלעך און פאַמיליע

KRAWCOWA

Rachela Szajowa

Wieluń, Okólna 17

powróciła Świeże modele.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na kursy — lekcje pojedyńcze codziennie od 10 rano do 9 wiecz.

יעדען שבת פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישער געזעלשאַפט. אָנהויב **7.30** אָוונט. ערשטקלאַסיגע מוזיק.

Pani RÓZI ELSTEROWEJ oraz Rodzinie z powodu zgonu

b. p. MATKI Jej

składają wyrazy szczerego współczucia

J. Praszkiewiczowie

מיט געבויגענע קעפּ שטייען מיר פאַר׳ן פרישען קבר פונ׳ם מייסטער פון דער יודישער ליטעראַטור

י. מ. ווייסענבערג

רעדאַקציע „טשענסטאָכאָווער צייטונג".

צעוועהטאָגט פון אומגעדליכען שמערץ שטעהען מיר ביים פרישען קבר פון אונזער ליבען, אונפערגעסליכען

דניאל דזיאַלאָוויטש נ״ע

און דריקען אויס דער איבערגעבליבענער פאַמיליע אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל

אבא פּיליכאָווסקי און פרוי.

דער פאַמיליע דזיאַלאָוויטש אין זייער גרויסען אומגליק, דער האנדווערקער-אָרגאַניזאַציע צוליעב׳ן גרויסען פערלוסט מיט׳ן טויט פון

נ״ע דניאל דזיאַלאָוויטש

מיין הארציגסטען מיטגעפיהל

שמואל פראַנק

צוליעב׳ן טויט פון נ״ע

אברהם יצחק קושאַנטאָווסקי

דריקט אויס דער טרויערענדער פאַמיליע דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

מענדל קאָפּינסקי.

„אמנעסטיע".

אין דער יודישער מחנה ווערט ענדליך רייף דער געדאנק וועגען שאפען א פעראייניגטען קאנסאלידירטען יודישען פראנט. עס דארפען דעריבער פעריגעסען ווערען אלע פארטייאישע קאמפען און פערזענליכע מחלוקת. דערביי דארף ארויסגעגעבען ווערען אן אמנעסטיע פאר די אלע, וועלכע האבען אין משך פון יאהרען געשפאלטען דאס יודישע לעבען און אריינגעפיהרט א תהו ובהו און עס צוגעפיהרט צו דעם איצטיגען מצב.

אט וועגען דער „אמנעסטיע" פיהרט זיך שוין א פאלעמיק אין די ווארשאווער יודישע צייטונגען. ה' יאושזאהן נעמט א ווארט וועגען דעם אין „היינט" נומער 189 און ער שטעלט פעסט, אז אזא אמנעסטיע דארף טאקי ארויסגעגעבען ווערען, אבער דערביי מאכט ער א בעווארעניש, אז דער און דער, וועלכער האט געטהון דעם און דעם חטא, קאן פון דער אמנעסטיע נישט געניסען, און מני ביה, גיט ער יענעם א גאס אב מיט נישט קיין ריין שפיל וואסער פון קאפ ביז די פיס.

מיר זענען נישט אויסען דא צו פאלעמיזירען מיט די אויספיהרונגען פון ה' יאושזאהן און אויפוייזען, אז אויב עס וועט האלטען ביי אנווענדען אמנעסטיעס, וועט אויך ה' יאושזאהן אפשר זיך נויטיגען אין אנ'אמנעסטיע פאר בעגאנגענע חטאים. מיר ווילען אבער נאר פעסטשטעלען די דערפרעהענדע ערשיינונג, אז ענדליך קומט די אויסניכטערונג אין דער יודישער געזעלשאפטליכקייט; אז ענדליך הויבען אן אונזערע פאליטיקער און געזעלשאפטליכע כלל-טוער צו זעהען זייערע חטאים וואס האבען פערסמ'ט אונזער לעבען און ווען ס'איז שוין באי מים עד נפש — געהן זיי דעם פעהלער פעריכטען.

גלייכער שפעטער ווי קיינמאל נישט — זאגט דאס שפריכווארט און אין דעם פאל איז עס אמריכטיגסטען צוגעפאסט. עס דארף שוין געשלאסען ווערען דער קאנטאלידירטער איינהייטס-פראנט פון גאנצען יודישען בירגערטום אין פוילען. קומען אבער איידער דאס איז געשעהן און אנהויבען אויטצורעכענען, ווער עס דארף יא געניסען פון דער אמנעסטיע און ווער נישט — אט דאס אליין איז שטייגער

אויפ'ן וועג פון דער איינהייטס-אידעע און לוים אונזער מיינונג נויטיגט זיך שוין דער יעניגער, וועלכער שפרינגט איצט ארויס מיט אזעלכע פאלעמיקעס אליין אנ'אמנעסטיע...

מיר גלויבען אין געזונדטען חוש פון דער יודישער געזעלשאפט אין פוילען, אז אין דער ארבייט וועט זיך שוין ארויסשיילען דאס נעזונדסטע און קערנדיגע, דאס, וואס איז נויטיג פאר'ן פאלקס ארגאניזם און דאס שעדליכע וועט במילא, ווי דער „צבפא", פערשוואונדען ווערען.

דער איינהייטס-פראנט מוז שוין געשאפען ווערען און וואס פריהער אלץ בעסער, און די אלע, וועלכע ווילען אנהויבען אויך איצט אריינצושטעלען א דראנג אין ראד, אויף זיי איז נישט חל אפילו קיין אמנעסטיע...

ש.

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— דינסטאג 8 א זייגער פריה איז אין דער תפיסה אין עכו אויסגעפיהרט געווארען דער טויט-אורטייל דורך הענגען איבער דעם יודישען פאליציאנט מרדכי שווארץ. ער איז געקומען צו קבורה אויפ'ן נייעם בית עולם אין חיפה.

— די בעציהונגען צווישען יאפאן און די סאוויעטען אויפ'ן ווייטען מזרח האבען זיך ווידער פערשארפט. ביידע צדדים מאכען זיך געגענזייטיגע פארווארפען וועגען פערגוואלדיגען דעם וואפענשטילשטאנד אבמאך.

— מאנטאג אין אוונט זענען בעת אנ'איבערפאל אויף דער קאלאניע יערות הכרמל ביי חיפה אומגעקומען 9 יודען, וועלכע זענען געקומען צו קבורה אין א ברודער קבר אויפ'ן נייעם בית-עולם אין חיפה.

— ביי דערעטשין איז פארגעקומען א גרויסע לופט-קאטאסטראפע בעת וועלכער עס זענען אומגעקומען 9 אונגארישע זשורנאליסטען, וואס זענען געפאהרען צום אינטערנאציאנאלען לופט-פליה קאנגרעס אין דערעטשין.

— פליהענדיג איבער בייערן פון פראג קיין פאריז איז אראבגעפאלען א טשעכישער פאסאזשיר-אעראפלאן. עס זענען אומגעקומען 13 פאסאזשירען און 3 מיטגלידער פון דער מאנשאפט.

אין אנ'אעראפלאן-קאטאסטראפע אין מעקסיקא זענען. אומגעקומען 8 פערזאן.

— עס איז אבגעשטעלט געווארען דאס ארויסגעבען עמיגראציע-פעסער פאר פערזאנען, וואס עמיגרירען קיין אויסטראליען אויפ'ן סמך פון א. ג. בעווייזונגס-קיאפיטאל צו 200 פונט. די סיבה דערפון איז דאס אויסשעפען פון דעוויזען-קאנטינגענט, וואס איז בעשטימט געווארען פאר דער עמיגראציע קיין אויסטראליען אויפ'ן יאהר 1938. דאנעגען ווערט פארטגעזעצט די עמיגראציע פון די יעניגע עמיגראנטען, וואס דארפען בלויז בעווייזען צו 50 פונט. די דאזיגע עמיגראנטען בעקומען ווייטער פעסער פון עמיגראציע-טינדיקאט.

— אין ווארשא איז נאכא לאנגער קראנקהייט געשטארבען דער גרויסער יודישער שריפטשטעלער איטשע מאיר ווייסענבערג. ווייסענבערג האט פערנומען איינס פון די אנגעזעהענסטע ערטער אין דער יודישער ליטעראטור אלס קלאסיקער און פלאסטיקער. אייניגע פון זיינע ערצעהלונגען זענען איבערגעזעצט געווארען אין דער דייטשער, פראנצויזישער, שפאנישער א.א. שפראכען.

— בעת א קאנפערענץ מיט א דעלעגאציע פון דער יודישער קהלה אין מעקסיקא, האט דער מעקסיקאנער אינערן מיניסטער פערויכערט, אז די רעגירונג איז גרייט אנטייל צו נעמען אין דער לעזונג פון יודישען פליטים-פראבלעם בתנאי, אז די אויסלענדישע יודישע ארגאניזאציעס זאלען מיטהעלפען די יודישע פליטים צו ענטוויקלען די רייכע נאטירליכע אוצרות פון לאנד. די מעקסיקאנער רעגירונג פיהרט איצט אנ'אויספארשונג, כדי פעסטצושטעלען דעם ריכטיגען אימיגראנטען-טיפ, וואס זאל אמבעסטען ענטשפרעכען די ווירטשאפטליכע בעדערפענישען פון מעקסיקא.

— עס איז אויסגעפיהרט געווארען א רויב-אנפאל אויף דעם היפאטעקען אמט אין טול כרם, וואו די טעראריסטען האבען צוגערויבט די היפאטעקביכער, פערשידענע דאקומענטען און 3 שרייב מאשינען.

— אונטער אנ'אויטא מיט קרן-היסוד שליחים, וואס האבען געזאלט ארויספאהרען אין פערשידענע אייראפעאישע מלוכות האט אויפגעריסען א לאנד-מינע.

— פון די מיטלען פון „כפר הישוב" ווערט איצט געבויט א שאסע פון כפר סבא קיין רמת הכובש. דער דאזיגער שאסע האט א גרויסע סטראטעגישע בעדייטונג פאר די ארומיגע יודישע ישובים.

— דאס קריגס געריכט האט מבטלגעמאכט די בעשולדיגונג געגען 4 יודען, וואס זענען געווען אנגעקלאגט, אז זיי האבען דעם 6-טען-ליפיעץ געווארפען אין חיפה די טייוועל-מאשין, וועלכע האט פערורזאכט דעם טויט פון עטליכע צעהנדליג מענשען, יודען און אראבער. אלע בעשולדיגטע זענען ארויסגעלאזט געווארען אויף דער פריי.

— אין לאנדאן, אין בנין פון קאלאניאל-אמט האט ווידער אנגעהויבען איהרע ארבייטען די א"י-טיילונגס-קאמיסיע. דער בעריכט פון דער טיילונגס קאמיסיע זאל פערטיג ווערען ערשט אין אנהויב אקטאבער.

— די לערך 70 יודען פון בורגענלאנד, וואס זענען זינט העלפט מערץ ארויסגעטריבען געווארען דורך די נאציס איבער דער עסטרייכישער גרעניץ און וואס געפינען זיך. זינט 5 חדשים אויף א שיף אויפ'ן דונאי, נישט ווערענדיג אריינגעלאזט אין קיין שום לאנד, האבען בעקומען עליה-סערטיפיקאטען צו פאהרען קיין ארץ ישראל.

— אין ווארשא איז געשאפען געווארען א ווייסענבערג-קאמיטעט, וועלכער האט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע ארויסצוגעבען אלע ווערק פון פערשטארבענעם שריפטשטעלער און שאפען א געהעריגען דענקמאל.

— נאך 7 וואכען ווילען אויף אבווה אין לאראן (איטאליע) איז דער מלוכה-פרעזידענט פראפ. איגנאצי מאשטשיצקי צוריקגעקומען קיין פוילען, אבפאהרענדיג דערווייל אין זיין זומער-שלאס אין ספאלע. אויף דער גרעניץ-סטאציע אין זעבזשידאוויץ האט דעם מלוכה-פרעזידענט בעגריסט די גאנצע רעגירונג מיט'ן פרעמיער סקלאדקאווסקי בראש.

— אין אטיניא ביי לעמבערג זענען פארגעקומען כוליגאנישע אנפאלען אויף יודען. פאליציי האט ארעסטירט אייניגע כוליגאנעס.

— אויפ'ן שאסיי ביי סקאווינא איז ערמארדעט געווארען דער יודישער סוחר יהושע שאפירא, וועלכער איז אויף א וואגען געפאהרען אין די דערפער מיט סחורה.

— מארשאל באלבא, וועלכער איז געווען מיט א וויזיט ביי היטלער'ן אין בערכטעסגאדען, איז צוריק אבגעפאהרען קיין איטאליען.

— קיין לאנדאן איז אנגעקומען איבן-סאאוד, דער מעכטיגסטער אראבישער הערשער. ער איז דער קעניג פון העדזשאס און הערשער פון די וואהאביטען. איבן סאאוד'ס בעזוך אין לאנדאן וועט ווארשיינליך האבען וויכטיגע פאליטישע פאלגען.

— אין ניו-יארק איז געשטארבען אין עלטער פון 53 יאהר דער יודישער שריפטשטעלער און זשורנאליסט לעאן זאלאטקאף, וועלכער האט מיטגעארבייט אין פערשידענע צייטשריפטען אין אמאליגען רוסלאנד און דאן אין אמעריקא. לעצטענס האט דער פערשטארבענער מיטגעארבייט אין ניו-יארקער „מארגען-זשורנאל".

פון „שול - קולט"

שבת, דעם 6 טען ד. ח. א זייגער 4 נאכמיטאג איז פארגעקומען אין לאקאל פון „פועלי ציון" די ערשטע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געז. „שול-קולט", אויף וועלכער עס איז אויסגעוועהלט געווארען א פערוואלטונג אין פאלגענדען צוזאמענשטעל: קויפמאן יעקב, וואטנבערג דוד, בלומענקראנץ פ., גרינבוים פרימעט, לאסטמאן שמחה, טענענבוים מאיר, שילדהויז צבי, טענענבוים לייביש, סלאמניצקי נ.

אין קורצען טרעט צו די פערוואלטונג צו א בדייט פערצווייגטער טעטיגקייט, ווי: עפענען א ביבליאטעק, גרינדען אוונט קורסען פאר יודיש און יודישער געשיכטע, ווי אויך שאפען א פאלקס אוניווערזיטעט, וועלכעס וועט געבען לעקציעס פאר די ברייטסטע קרייזען פון דער יודישער בעפעלקערונג.

אויף איהר ערשטער זיצונג האט זיך די ניי געוועהלטע פערוואלטונג קאנסטיטואירט. אויף פאלגענדען אופן: אין פרעזידיום: קויפמאן יעקב, בלומענקראנץ פ., וואטענבערג ד. (סעקרעטאר) און גרינבוים פרימעט (קאסירערין). פרעסע-רעפערענט: בלומענקראנץ פ., פערטרעטער: סלאמניצקי נ., ווירטשאפטער: טענענבוים מאיר.

דער סעקרעטאריאט פון „שול-קולט" איז טעטיג און נעמט אן איינשרייבונגען יעדען טאג פון 9 ביז 10 אוונט אין לאקאל פון „פועלי ציון", פילסודסקי 17.

קליינקייטן.

ס'האט אויסגעפעהלט בראנפען...

אז מיר, טשענסטאכאווער, זענען געבענטשט מיט צוזאמענפארען, איז שוין א בעוואוסטע זאך, כמעט יעדע וואך האבען מיר א צוזאמענפליה. אמאל קומען צו פליהען אדלער (פריצים) און אמאל אנדערע פייגעל (האנדוועקער, קליינהענדלער און גרויסע סוחרים). פון צייט צו צייט קומען אויך צופליהען געפערבטע פייגעל פון פערשידענע קאליבען, צומייסטענס אבער שווארץ-געפארבטע (אקאדעמיקער, נאראצעס אז"וו).

געוועהנליך זענען די צוזאמענפאהרען פעראבינדען מיט געוויסע ימים טובים, אז עס איז פונקט ניטא קיין אנגעצייכענטער יום טוב דאנים, מאכט מען איהם אויפ'ן ארט.

די שווארצע קראהען אבער, האבען א טבע צו פערשרייבען א סך געשעהענישען, אדאנק וועלכע עס ווערען געשאפען ימים-טובים, אויף זייער חשבון, כאטש זיי האבען אגנוירעקט מיטגעהאלפען אין דער געגענוועצטער ריכטונג, ווי דאס איז דער פאל אינ'ם קאמף פאר דער אונאבהענגיגקייט פון פוילען, פאר וועלכען עס האבען געקעמפט די ארבייטער און פויערים, זיי זענען אויף ס ביר און תליות געגאנגען אין דער זעלבער צייט, ווען די ענדעקעס זענען געווען טרייע משרתים פון צאר, געשאלטען און פערפאלגט די קראמאלע, און בעת פוילען איז ענדליך בעפרייט געווארען, האבען זיי אט די דאזיגע שונאים פון א פריי פוילען גאר פערשריבען די גאולה אויף זייער חשבון. און ביז'ן היינטיגען טאג שרייען זיי אט די דאזיגע שווארצע קראהען, אז זיי זענען גאר די הייסע פאטריאטען און אלע איבריגע זענען שונאים פון פוילען.

מיט 18 יאהר צוריק איז געשעהן דער נס ביי דער ווייסעל. די פוילישע ארמעע, וועלכע איז נאך דאמאלס געווען זעהר יונג, האט אבגעשטופט די באלשעוויסטישע ארמעע און בעפרייט פוילען פון דער אינוואזיע. די פוילישע ארמעע איז ס'רוב בעשטאנען פון ארבייטער און פויערים, וועלכע האבען מיט בעגייסטערונג און מסירת-נפש געקעמפט פאר זייער און פוילענס פרייהייט. ס'פערשטעהט זיך, אז אין דער פוילישער ארמעע האט זיך אויך געפונען א גרויסער טייל פון דער יודישער יוגענד, וועלכע איז אריינגעצויגען געווארען אלס פוילישע בירגער און אויך א גרויסע צאהל פרייווילינע, וועלכע האבען פערשטאנען אז אין א פרייען פוילען, ווילען אלע איהרע קינדער, אהן אונטערשיד פון נאציאנאלע אנגעהעריגקייט, געניסען פון איהרע ברכות.

אט דעם דאזיגען יום טוב, וואס געהער צו די פאלקס מאסען פון פוילען'ס קינדער נוצען אויס די ענדעקעס און פערשרייבען עס אויף זייער חשבון. און אויב א יום טוב מוז מען מאכען א צוזאמענפאהר קיין טשענסטאכאוו.

גאנצע צוגען זענען אנגעקומען קיין טשענסטאכאוו און דערביי האבען זיך די אנגעקומענע, צווישען וועלכע עס געפונען זיך א סך, וועלכע האבען מיט דעם דאזיגען יום טוב נישט קיין שום שייכות זיך געוואלט לוסטיג מאכען אויף דעם שעיר לעזאזלס חשבון. אויף יעדער סטאציע זענען זיי ארויסגעשפרינגען פון די וואגאנען און ביז צום הייזעריג ווערען געשריגען: „א טויט די יודען". ווען זיי זענען אנגעקומען קיין טשענסטאכאוו האבען זיי ערשט אויף א רעכטען אמת זיך געוואלט לוסטיג מאכען און אונטער די קלאנגען פון שויבען בראוגריי מוזיק א הוליע טהון. ערשט א דאנק דער ענערגישער איינמישונג פון דער ארטיגער פאליציי זענען א סך יודישע שויבען און יודישע קעפ ניצול געווארען.

נישט קענענדיג אויסלאדען זייער ענערגיע אויף יודישע שויבען און יודישע קעפ, האבען זיי זיך גוקם גענומען אין בראנפען.

ווי מען שמועסט, איז אין טשענסטאכאוו אין די טעג פון זונטאג און מאנטאג אויסגעטרינקען געווארען א ווייסעל מיט בראנפען אלס א רמז צום „נס ביי דער ווייסעל" אזוי, אז עס האט אויסגעפעהלט בראנפען. און היות ווי צוליעב יום טוב זענען די בראנפען געשעפטען געווען פערמאכט האבען זיי זיך נוקם געווען אין די רעסטאראציעס און צוגענומען דעם גאנצען זאפאס. אויך אין די בופעטען פון דער סטאציע האט מען נישט איבערגעלאזט קיין לעק משקה אויף קיין זכר. דאס אלץ איז אבער נאך נישט געווען גענוג צו שטילען דעם דורשט. צוליעב דער ביטערער משקה האט מען לאין ברירה געמאכט שלום מיט'ן געדאנק און געזוכט בראנפען ביי יודישע בראנפענהענדלער און היות ווי די געשעפטען זענען געווען פערמאכט, האט מען אויסגעזוכט די פריוואטע אדרעסען פון די בראנפען הענדלער און מען האט ביי זיי גענבעטען א ביסעל בראנפען.

צו א יודישען בראנפען הענדלער איז געקומען א דעלעגאציע פון די צוזאמענפליהער און זיך געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען, אז דער יוד, זאל רחמנות האבען אויף זיי און פערקויפען אביסעל בראנפען, ווען דער יוד האט זיי אויפמערקזאם געמאכט, אז ער קאן נישט מחלל-זונטאג זיין, האבען זיי איהם מתיר געווען: זיי נעמען אויף זיך די עבירה. איבריגענס. וועט די מצוה, וואס ער וועט זיי פערקויפען אביסעל בראנפען מכפר זיין די עבירה פון חלול-זונטאג...

אקעגען וואס האב איך אייגענטליך דאס דערצעהלט? כדי צו בעווייזען, אז די דאזיגע „פאטריאטען" זענען זעהר „ניכטער" אין זייער קאמף געגען יודען והראיה, או עס האט זאגאר אויסגעפעהלט בראנפען...

יעדעס יאהר אין דער זעלבער צייט חזר'ט זיך עס איבער.

אויב די לעזער געדענקען האבען מיר נאך פאר'ן אנהויב פון זומער-סעזאן דערמאנט די לעטניקעס, וועלכע הויערען אין די געגעלטען פון בלעכאווניע, וועגען די כוליגאנישע אנפאלען, וואס הויבען זיך אן בעת דער סעזאן געהט צו ענדע און דאס איז אנ'אנווייז, אז אזוי ווי מען האט דאס געלד פון די יודען שוין אבגענומען, איז שוין צייט, אז זיי זאלען צוריקלויפען אין שטאדט אריין.

מיר האבען דערמאנט וועגען דעם און גע'פצה'ט, אז די לעטניקעס פון בלעכאווניע זאלען נעמען א גאראנטיע פון די גאספאדאזשעס, דאס זיי וועלען זיין פעראנטווארטליך פאר דער רוהע און ארדנונג, און אויב עס וועט זיך ארויסווייזען, אז זיי האלטען נישט ווארט, זאל מען איין זומער נישט פאהרען קיין בלעכאווניע און דאס וועט זיין לערן-געלד אויף להבא, ווייל דער יוד איז טאקי טריף, אבער זיין גראשען איז גלאט כשר.

אונזערע יודען אבער האבען א קורצען זכרון, זיי געדענקען נישט פון איין יאהר אויפ'ן צווייטען און נאך פאר פסח הויבט מען אן צו לויפען קיין בלעכאווניע, מען צאהלט משונה'דיגע פרייזען, אבי זיך צו פערזארגען מיט א דירה. טא וואס איז דאס וואונדער, אז בלעכאווניער לעטניקעס לעבען איבער טאג-טעגליך טויט-שרעק און קומען נישט אב מיט בלויז שרעק, גאר א סך ווערען טאקי צושלאגען און פערארייזירט.

צו אונז אין רעדאקציע האבען זיך געווענדען א גרעסערע צאהל בלעכאווניער לעטניקעס און דערצעהלט וועגען גרויליכע מעשים, וואס ווערען בעגאנגען לגבי זיי, און דאס ערגסטע איז נאך דאס, וואס די גאספאדאזשעס, וועלכע האבען בעהאלטען אין זייערע טיפע קעשענעס דאס יודישע געלד, רעאגירען נישט אויף דעם אלעם. כ'ווייס, און אפשר קוקען זיי ארויס פון די בעהעלטענישען און קוועלען אן פון די דאזיגע ווילדע סצענעס. עס זענען אבער פערהאנען א יש אומרים, וועלכע האלטען, אז די גאספאדאזשעס אליין אימפראוויזירען די דאזיגע מעשים תעתועים, כדי די לעטניקעס זאלען ענטלויפען צוריק אין שטאדט אריין און זיי בעפרייען די פערדינגענע דירות.

עס איז א חרפה און א בושה פאר אונזער געפאלענקייט, פאר אונזער נעבעכדיגקייט; מען דארף איינמאל פאר אלע מאל, געגען די דאזיגע גאספאדאזשעס ארויסטרעטען מיט ענערגיע און זיי ווייזען, אז אונזער כבוד האט אויך עפיס א ווערט.

ווער ווייסט אבער צי די דאזיגע ווערטער מיינע וועלען עפיס ווירקען, ווייל, ווייל — בעסער נישט צו רעדען...

מיר האלטען אבער פאר אונזער חוב צו דערצעהלען וועגען די העסליכע מעשים, וואס קומען פאר אין בלעכאווניע, ווי אזוי מען מאכט זיך לוסטיג איבער זיי יודישע לעטניקעס דאמאלס, ווען מען האט זיי שוין צוגענומען דאס געלד און די אויספיהרונגען זאלען די יודישע לעטניקעס אליין מאכען.

דא אין בלעכאווניע קומען פאר די געשעהענישען יעדעס יאהר אין דער זעלבער צייט.

סמאל

דעמאראליזירענדע פלאפלערייצן

פון לעא קעניג

יעדער חרש, שוטה וקטן פלאפעלט איצט וועגען דער יודען פראגע, וועגען יודען.

יעדער, וואס האט א פען אין דער האנד, יעדער, וואס האט א מויל רעדט וועגען יודען.

האלב - געבילדעטע זשורנאליסטען, יוסטע בעל-הבית'לעך, וואס האבען ליב ארייננצושרייבען בריעף אין די צייטונגען, אלטע זויערע שוויגערס, געקריוודעטע קליינע מענשעלעך, נארישע יונגלעך—אלע שרייבען זיי איצט און רעדען וועגען דער יודען פראגע, וועגען אלגעמיינע יודישע כאראקטעריסטיקס.

איהר נעמט א ליאדע צייטונג אין דער האנט און דאס ערשטע שלאגען אייך אין די אויגען די יודען.

איהר געהט אין גאס, איהר פאהרט זשומעט אייך אין די אויערען ווי א בייזע, גיפטיגע פליג — א צוטשעפעניש אין א הייסען זומער טאג.

און ס'איז גארנישט אבצוטרייבען פון זיך אט די גיפטיגע בייזע זלידנע.

מיט איין וואָרט הימעל און ערד און יודען.

יעדער קרעמער אדער קראם אנגעשטעלטער, וואס זיינע געשעפטען געהען נישט גוט און קוקט צו מיט ענגע אויגען אויף זיינע יודישע קאנקורענטען, קומט ארויס מיט „פילאזאפיעס וועגען ראסע-ריינקייט און וועגען יודען".

און זייער אייגענע „ריינע ראסע-ברידער" האבען זיי ליב? און זייערע אייגענע נישט-יודישע שכנים בערעדען זיי נישט פון קאפ ביז די פיס?

און אט די מענשעלעך מיט זייער „גייסטיגען באגאזש", וואס א פליג קען אוועקטראגען וואגען עס צו קריטיקירען אנ'אלט פאלק „אפטאם" מיט איין מאך מיט דער האנט, מיט איין קרים מיט דער נאז, מיט איין שמיר מיט דער פען.

און די קליינליכע גיפטיגע פלאפלערייען זאלען מיר אננעמען אלס „קריטיק" במחילה.

מיר האבען איצט אזוי פיעל „קריטיקער" בעלי-מוסר, וואס זאגען אונז ווי מיר זאלען פערדינען אונזער רעכט צו לעבען אויף גאט'ס שעהנער וועלט.

יעדער חרש, שוטה וקטן, זאגט איצט יודען מוסר געגעראליזירט וועגען יודען.

מען זאגט אונז מוסר. און נאר אונז. און וואס איז מכח „זיי"?

אט זיי אלע, אלע אומות העולם לעבען זיך איצט בשלום ושלוה, ווי איין גליקליכע משפחה. אין איין גרויסען און פיינעם פעלקער-בונד. ס'איז נישטא קיין שפאניע, קיין כינע, קיין אביסיניע, קיין אנשלוס פאליטיקס.

מען בעוואפענט זיך איצט גארנישט. מען פאבריצירט איצט נישט קיין גאז-מאסקעס פאר זויגענדיגע קינדער, פאר די בהמות אין פעלד אפילו. ניין, חלילה, אלעס איז וואויל און גוט; אלעס געהט כשורה. נאר די יודען מאכען קאליע אט די יעצטיגע אינטערנאציאנאלע אידיליע, די גליקליכע, אין שלום און אחדות לעבענדיגע מענשהייט.

און מען האט זיך א נעהם געטהון אונז זאגען מוסר, אונז יודען קריטיקירען און כאראקטעריזירען אויף וואס די וועלט שטעהט.

אין אלע טהוען דאס. יעדער חרש, שוטה וקטן.

וואלטען מיר געדארפט איגנאנצען א גנארירען די פלאפלערייען וועגען יודען. ווען זיי וואלטען נישט געווען צו דער זעלבער צייט אזעלכע גיפטיגע און שעדליכע — אפילו פאר די פלאפלער זעלבסט. ווען אט דער מבול פון פלאפלערייען וועגען יודען וואלט נישט געעפענט און דיריגירט געווארען פון א „געניטער אונטערערדישער פראפאגאנדע-סיסטעם".

א סך פון די אומשולדיגע פלאפלער זענען אפילו נישט חושד, אז זיי שפילען אונטער א „נאצישער דודקע", וועלכע איז אויסען איבעראל צו דעזארגאניזירען און אבשוואכען די פעלקער און לענדער, וואס קענען ווערען זייערע פאטענצ אנעלע שונאים. גארנישט פלאפעלט מען דערווייל.

און וואס איז נאך ערגער: א סך אפשר פון די אומשולדיגע פלאפלער זעהען נישט און בעמערקען נישט און בעמערקען נישט אליין ווי עס פלאפעלט גיפטיג זייער אייגענע קארגשאפט, קנאה און דורשט נאך לייכטע און אומריינע פערדינסטלעך.

און דאך געהען זיי אן און פלאפלען נארישע געגעראליזאציעס וועגען אנ'אלט פאלק, וועגען מיליאנען מענשען, וועמענס לעבען און געשיכטע זיי הויבען נישט אן צו קענען.

יודען זענען נייעס. — מיט אזא קעפיל איז די טעג ארויס אנ'ענגלישער זשורנאליסט. און ער בעקלאגט זיך אין דעם „מאמר" במחילה, אז יודען ווילען נישט ליידען, וואס מען רעדט איצט אזוי פיעל וועגען זיי, אז יודען האבען נישט ליב ווען מען קריטיקירט זיי.

„יודען האבען נישט ליעב ווען מען קריטיקירט זיי" — דאס איז שוין אנ'אלטער פזמון.

יודען האבען נישט ליב, ווען מען קריטיקירט זיי—אבער וואס פארא מעהר וויינינגער פעראנטווארטליכער מענש קען דאס דעם איצטיגען מבול פון פלאפלערייען וועגען יודען בעצייכענען אלס „קריטיק".

ווי וואגען מענשען, וואס קאנען נישט דאס יודישע לעבען, די יודישע געשיכטע—און אפילו זייער אייגען לעבען און זייער אייגענע געשיכטע קענען זיי נישט—צו געגעראליזירען און כאראקטעריזירען א גאנץ פאלק. א גאנצע ראסע?

יעדער איינער, וואס האט א פאר בעקאנטע יודען-קומט א ויס מיט זיינע בויך סברות וועגען יודישען פאלק און וועגען יודען בכלל.

יעדע", וואס האט געוואָרפען אנ'אומחן אויף די פאר יודען, וואס ער קען, קומט ארויס אין דער עפענטליכקייט מיט זיינע קליינליכע אידיאטישע געגעראליזאציעס וועגען יודען און דער יודישער ראסע.

מגר. אברהם פייגעל

פראפעסאר ראפאל יאקוב טויבענשלאג

נישט געווען די צייט ביי יודען, וועלכע זאל נישט האבען איהרע אבּ-טריניגע, נישט געווען ביי יודען די עפאכע, וועלכע זאל נישט האבען איהרע שוואכע, ווידערשטאנדסלאזע כאראקטערען. קען דאס עמיצען וואונדערן? עס וואלט זיין געגען דער נאטור, ווען דאס קלאסישע מערטירער-פאלק, דאס זידענדע ליידען-קעסעל פון דער וועלט, זאל פון צייט צו צייט נישט איבערלויפען מיט אבשוים. בשעת א שטורם ווארפט דער ים אייביג ארויס פרעמדע קערפערס.

און כאטש משומדים ביי יודען זענען נישט קיין נייעס, האט דאך שטוינוגג ארויסגערופען אין דער יודישער ווי אין דער קריסטליכער וועלט דער טויף-צערעמאניאל, וועלכען עס האט זיך אונטערגעווארפען דער פראפעסאר פון רוימישען רעכט אויף דער יאגעלאנער אוניווערזיטעט, דר. רפאל טויבענשלאג. א בעריהמטער געלעהרטער, צוויימאליגער דיעקאן פון יורידישען פאקולטעט אויף דער זעלבער אוניווערזיטעט, אלס ערשטער פאלאק מיטגליד פון די אקאדעמיען פאר וויסענשאפט אין טוריגא, באלאניע און פאדוא, די וויגעלעך פון דער היינטיגער יוריספרודענץ, האט טויבענשלאג דערגרייכט די העכסטע שפיצען פון וויסענשאפטליכער קאריערע. וואס עס האט געקענט בעוועגען דעם דאזיגען מאן, וועלכער האט דריי פערטיל פון זיין לעבען אבגעלעבט אלס יוד, אז ער זאל דאס לעצטע צוויי-פערלהאפטע פערטעלע דוקא וועלען אדורכמאכען אלס רוימישער קאטאליק, און דאס אין א צייט, ווען אייך די עהרפארכטיגע קירכליכע אמבאנע איז נישט בכח צו שיצען פאר פיזישע אנגריפען א נעאפיט — בלייבט אנ'אונפערשטענדליך רעטזעל.

נישט דעם רעבוס וויל איך דא אין די ווייטערע שורות לעזען. צוטיעף איז ער קאמפליצירט און דער בעל-דבר איז די מיה נישט ווערט. בעת מיינע שטודיען אבער אין דער יאגעלאנער אוניווערזיטעט איז מיר נישט איינמאל אויסגעקומען פערזענליך זיך צוזאמענצוטרעפען מיט אט דעם שפאגעל נייעם קריסט. די סילועט, וועלכע איז מיר פערבליבען אין זכרון, וועל איך זיך בעמיהען דא אויפצוצייכנען.

*

דער גרויסער, אמפיטעאטראלער קאפערניק-זאל פון דער קראקאווער אוניווערזיטעט איז געדיכט בעזעצט. עס איז 8 פריה, הארט פאר דעם פארטראג פון רוימישען רעכט. איבער די הונדערטער ענטבלויזטע קעפ הענגט אונבעוועגליך א וואלקען טיטון-רויך, וועלכער פערנעפעלט די צאהלרייכע אויפשריפטען: „רויכערען פערבאטען אפילו בשעת די הפסקות". עס איז די ערשטע פראקטישע לעקציע פאר די יונגע אדעפטען, ווי אזוי צו אינטערפרעטירען רעכטס-פארשריפטען. עטליכע מינוטען פאר האלב ניין ווערט די טהיר פלוצים פערמאכט און פערשלאסען. א סימן, א אז דער פראפעסאר איז דא. א סימן נור, ווייל קיינעם זעהט מען נישט, נור פון די בעוועגונגען פון די שטייענדיגע, הויכע, אכצעניעהריגע סטודענטען דערקענט מען, אז „עפעס" בעוועגט זיך גיך אין דער ריכטונג צו דער קאטעדרע. באלד שיינט דארט אויף א פליכעוואטע לבנה שטערן, אז נור זיך אבצושפיגלען אין איהם; ווייטער צוויי קליינע, פלינקע אייגעלעך, א יודישע נאז און דינע ליפעלען; אביסל נידריגע—א שטיקעל בויך, אייבער וועלכען עס שאקעלט זיך א גראבע, גאלדענע קייט. די גאנצקייט מאכט גיכער דעם איינדרוק פון עפעס קיילעכדיגס ווי פון א פיאן און דערמאנט דיר א יודישען לעדער-סוחר ערגיץ פון דער ווארשאווער פראנטשישקאנער, וואס פאר קאסע מעגסטו איהם פערקויפען, אבער אויף קרעדיט—די כיסרע אייגעלעך דערלויבען דיר נישט דאס. טאקע די דאזיגע לעבעדיגע אייגעלעך פינטלען יעצט אהן אויפהער און דאס קליינע, רונדיגע מענשעלע שטעהט מיט איין האנד אין דער הויזען-טאש און רעדט—נאך איידער דאס גערודער האט זיך איינגעשטילט; ער זאגט עפעס, כאטש מען דערהערט נישט קיין וואָרט, נור איינציגווייז דערגעהען צו די אויערען ווערטער איינפאכע און אויסערגעוועהנליך קלארע...

עס איז דער יודישער פראפעסאר, ווייטבעריהמטער יוריסט, רפאל טויבענשלאג דאס געשפענסט פון די אנפאנגענדע יורי-קאנדידאטען.

א צייט שפעטער האב איך געהאט די געלעגענהייט בייצוּוואוינען א סצענע, וועלכע האט אויף מיר איבערגעלאזט א שטארקען רושם:

איך בין גראד אנוועזענד געווען אין דיעקאנאט פון יורידישען פאקולטעט, ווען א יודישער סטודענט האט געברענגט דעם פראפ. טויבענשלאג אלס אמטירענדען דיעקאן, א דאקומענט, וועלכער האט געהאט צוגעפעהלט צו א פריהערדיגער ביטע. אזעלכע זאכען —דארף מען וויסען—זענען אויף דער אוניווערזיטעט טאג-טעגליך ברויט. דער יודישער דיעקאן איז אבער דאס מאל נישט געווען אין קיין ספעציעלער שטימונג און האט דעם בידנעם יונגענמאן מכבד געווען מיט אזא סעריע עפיטעטען, וועלכע איך האב נישט געהאט די זכיה נישט פריהער און נישט שפעטער אויף דער אוניווערזיטעט מעהר צו הערען; דאביי האט מיין אויפמערקזאמקייט געצויגען די לעצטע אקארדען, מיט וועלכע דער יודישער דיעקאן האט אויפ'ן הויכען קול פערענדיגט: „דאס איז לויטער יודישע חוצפה, נור יודען קענען זיך אויף אזעלכעס דערלויבען!" עס איז בשום אופן נישט געמאלט, או א קריסטליכער פראפעסאר זאל אזעלכע אויסדרוקען בענוצען. איך האב גוט אנגעקוקט דעם דאזיגען קליינעם יוד, וועלכער האט זיך אליין געשפיגען אין פנים אריין און עס איז מיר געווען זעהר פיינליך, ספעציעל נאך פארדאס, וואס גראד זענען אין קאבינעט געווען אנוועזענד פיעל רעכטס-פראפעסארען, און דער בעריהמטער עקאנאמיסט און ליבעראל, פראפ. קושיזשאנאווסקי, האט זיך געדרעהט דארט ארויף און אראב, און כ'האב בעמערקט, ווי ער האט זיך אין דער מינוט אומגעדרעהט און א לייכטער איראנישער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען.

*

דאס ערשטע שטודיום-יאהר איז געוועהנליך דאס אונרוהיגסטע און אממייסט שטורמישע. דער יונגער שילער בעקומט דאס ערשטע מאל פרייהייט אין פולען זין פון וואָרט, אהן דער צעהנאויגיגער שול-אויפזיכט. די היציגע טעמפעראמענטען זוכען א געלעגענהייט זיך אויסצולאדנען. לעצטענס זענען דער אביעקט דערפון געווארען-יודישע קאלעגען און טיילמאל אויך-יורישע פראפעסארען.

פראפ. טויבענשלאג פערנעמט די געפעהרליכסטע פאזיציע. זיין קאטעדרע איז די, וועלכע פיהרט אריין דעם לאאיקער אין יורידישען אופן דענקען. זי שטעהט אויפ'ן סאמע פראנט און איז אנגעוויזען אויף די ערשטע פיי...

אין גן-עדן התחתון

אביסעל איינדרוקען פון אברוה-חודש

3.

שטשאווניץ.

איך האב נישט בדעה צו דערצעהלען וועגען דעם בעקאנטען אין דער גאנצער וועלט קור-ארט שטשאווניץ, ווייל א קינד אין דער וויג ווייסט, אז קיין שטשאווניץ פאהרען קראנקע אויף אסטמע, האלז-קראנקהייטען א. אז. וו. אויב איך דערמאהן יא שטשאווניץ אין מיין רעפארטאזש, איז עס נאר צו דערצעהלען עטליכע כאראקטעריסטישע איינדרוקען.

איך וועל אויך נישט זאגען מיין מיינונג וועגען די גוטע רעזולטאטען, וואס דאס קור-ארט שטשאווניץ גיט די חולאים, ווייל אויך אין דער הינזיכט זענען פערהאנען חלוקי-דעות. טייל קראנקע האלטען, אז שטשאווניץ איז זייער רעטונג, ווען נישט, חלילה, שטשאווניץ וואלטען זיי שוין לאנג געווען שוכני עפר; אנדערע ווידער האלטען, אז דאס גאנצע שטשאווניץ איז נישט מעהר ווי א פערבלענדניש און איז נאר א מיטעל ווי אזוי אויסצוציגענארען געלד, פאקטיש אבער ווערט מען אין שטשאווניץ נישט געהאלפען.

א פאקט איז אבער, אז קיין שטשאווניץ קומט מען צו פאהרען פון עק וועלט און דער עיקר קומען אממיינסטען אחינו בני ישראל. וועמען האב איך דען נישט בענעגענט אין שטשאווניץ? אמעריקאנער, ענגלענדער און אפילו דער גערער רבי ווילט אויך שוין עטליכע וואכען אין שטשאווניץ. וועגען דעם אבער אין א בעזונדער קאפיטעל.

שטשאווניץ איז א מין קיבוץ גליות. ס'מאכט דעם איינדרוק, ווי פון אלע עקען וועלט ציהט מען צום איינציגען קוואל, צום איינציגען פונקט, וואס רופט זיך: שטשאווניץ.

מילא, ווייסט איהר דאך שוין, אז שטשאווניץ איז איינס פון די בעריהמטע קיר-ערטער און האט שוין מאדערנע איינגעריכטעטע אינהאלאציע אנשטאלטען, מיט קאמפארט איינגעריכטעטע וואסער קוואלען א.אז.וו. א.אז.וו.

כאראקטעריסטיש איז, אז אויך אין שטשאווניץ פיהלען זיך אחינו-בני ישראל פריי אין זייערע בעוועגונגען און נישט נאר בלויז גאליציאנער, וועלכע האבען דרייסטקייט אין אלע הינזיכטען, נאר אפילו אונזערע קאנגרעספוילישע יודען, קומענדיג קיין שטשאווניץ ווארפען אראב פון זיך דעם עולגלות. אזוי, זעהט מען, למשל, אין דער רייהע ביים וואסער טרינקען, שטעהט א יוד מיט פיאות, הינטער איהם א גלח און נאכ'ן גלח—א יודענע מיט א גוידער, דאן ווידער א יוד מיט א רבנישען קאפעלוש און א פריץ מיט וואנסעס, ווידער א פוילישער יוד מיט א קאפעלע אויפ'ן קאפ אז"וו אז"וו. אלע זענען דא גלייך, מען טרעט נישט אב דאס ארט איינער פאר'ן צווייטען. דאן געהט מען איבער די גאסען פריי און פראנק. מען צולייגט זיך בעקוועם ווי ביים טאטען אין וויין-גארטען אויף די „פאלאנעס" מיט די טלית קטנ'ס פון אויבען, ביי דער מוזיק אין פארק א. ד. גל. אנ'אונזעריגער, וועלכער האט זיך צוליעב די בעדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבען איצטער, צוגעוואוינט צו זיין נידריגער ווי גראז און שטילער ווי וואסער, ווערט אין ערשטען מאמענט פערחידוש'ט ביים אנבליק פון אזא פרייהייט. באלד אבער געוואוינט מען זיך צו, מען כאפט זיך אן אין דער דאזיגער פרייהייט און מען נוצט זי אויס מיט אזא מאס, ווי א שטארק דורשטיגער כאפט זיך צו צו א קאלטען טרינק וואסער.

דער גערער רבי אין שטשאווניץ.

אויך דער גערער רבי איז מסתמא קראנק און דארף נעמען קוראציע אין שטשאווניץ. איז עס דאך אבער דער גערער רבי, האט מען דא נעבען איהם געמאכט א טומעל, אזוי, אז עס איז די גרעסטע סענסאציע אין שטשאווניץ.

הונדערטער און אפשר טויזענדער מענשען און נישט נאר יודען, ווארטען שעה'נווייז אין גארטען, כדי צו זעהען דעם רבי'ן בעת'ן שפאציר. אפטמאל בלייבט מען טאקי נאר ביים ווארטען. דער שרייבער פון די שורות האט צופעליג, אינגאנצען נישט ווארטענדיג, בעגעגענט דעם רבי'ן, ארומגערינגעלט פון זיינע מקורבים שפאצירען אין א זייטיגער אלעע פון פארק. א פאר מינוט שפעטער, ווען דער עולם איז געוואויר-געווארען וועגען רבינ'ס שפאציר, געקומען צו לויפען אין פארק, איז דער רבי שוין נישט געווען און דער עולם האט מיך שטארק מקנא געווען וואס איך א קראשטשענקער לעטניק, קומענדיג אויף א בעזוך קיין שטשאווניץ האב יא געהאט די זכייה און זיי, שטשאווניצער איינוואוינער, טשאטעווען אויף א זעהונג און האבען נישט די זכיה.

דערפאר אבער האבען שוין יא די זכייה צו זעהען דעם רבי'ן די שטשאווניצער פאטאגראפיסטען. זיי ווענדען אן פערשידענע קונץ-שטיק דעם רבי'ן צו פאטאגראפירען און אזוי ווי אויפ'ן גלייכען וועג גיט זיך זיי דאס נישט איין, מוזען זיי אנקומען צו ממזרישע שטיקלעך. אזוי שיקען זיי צו א יונגעל ער זאל געבען דעם רבי'ן שלום-עליכם און בעת דער רבי שטרעקט אויס די האנד ווערט געמאכט א פאטאגראפישע אויפנאהמע. זיי טשאטעווען אויך ווען דער רבי קוקט אויפ'ן זייגער, צי עס האט זיך שוין געענדיגט די שפאציר צייט (אנ'ערך א האלבע שעה) און דער פאטאגראפישער אפאראט פעראייביגט דעם דאזיגען מאמענט.

זעלבסטפערשטענדליך, אז דער רבי האט נישט קיין אהנונג וועגען די אלע אומזיסטע „זדיענטשעס" און ער האט אפילו קיין איינע נישט פון זיי, דערפאר אבער ווערען זיי פערשפרייט אין די טויזענדער צווישען די געסט, וועלכע צאהלען א דאפעלטען פרייז פאר יעדע קארטע, און די פאטאגראפיעס זענען געמאכט אין צענדלינגער פאזעס. דער עיקר, אז דאס איז דא די גאנגבארסטע סחורה. מיט די דאזיגע פאטאגראפיעס האנדלען אלע, אפילו נישט-יודען.

דערביי איז כדאי צו דערצעהלען פאלגענדען כאראקטעריסטישען פאקט: אין שטשאווניץ זענען פערהאנען א סך רבי'שע געסט, איבערהויפט גאליציאנער, פון וועלכע מען מאכט פאטאגראפישע אויפנאמען און שפעטער פערקויפט מען זיי. נישט אלע האבען אבער חשק צו קויפען בילדער פון נישט פאפולערע רבי'ס און כדי צו מאכען פראפאגאנדע, זאגט די פערקויפערין, א שיקסע: „קופ פאן טעגא צאדיקא, בא טען ראבין טעוש מא פיעטנאשטשע טישענצי כאסידוב".

אויך קראשטשענקא האט געהאט די זכייה צו האבען צו-גאסט דעם גערער רבי'ן וועלכער האט שפאצירענדיג אין די פיגינען אויך אבגעטרעטען

לען.

מ'מוז אָבער זאגען—פראָפ. טויבענשלאג האט געהאלטען פּאָסאָן. צייט 7 יאהר איז נישט רוהיג אויף די פּוילישע אוניווערזיטעטען. פערשידענע פּראָפעסאָרען זענען געוואָרען געשטערט דורך דער צייט דורך דער אינטעליגענטער כוליגאַנעריע. דער פּאָרטראַג פון פּראָפ. טויבענשלאג פלעגט זיך אָבער אויסצייכנען מיט זיין אַבסאָלוטער רוה. מ'האט פאַר איהם פשוט מורא געהאט. ער האט זיך אויף דער אוניווערזיטעט ערוואָרבען א שם אלס א פענאָמענאַלער בעל-זכרון. איינמאל—זאגט מען—בעדאַרף ער נור אָנקוקען א מענש—און ער געדענקט איהם שוין. איך ווייס נישט אויף וויפיעל די ווערסיע איז בעגרינדעט, א פאַקט איז אָבער, אז זי פלעגט איהם אויסגעצייכנעט שיצען. דער פחד פאַר דעם געפעהרליכען עגזאַמינאַטאָר האט געצוימט די אינסטינקטען.

דאס לעצטע יאהר אָבער איז נישט געווען פאַר איהם קיין גליקליכעס. גלייך זיינע ערשטע פאָרטראַגען זענען געשטערט געוואָרען. קיין טוכלע אייער האט ער אפילו נישט בעקומען, דערפאַר האט מען איהם אויסגעפיפען און איהם פעריאַדיש דערמאנט, אז ער איז א יודישער פּראָפעסאָר. זיין פערזענליכע טראַגעדיע האט געמוזט זיין דאס קליינע קוויטעל, וועלכעס האט זיך בעוויזען אין איינעם פון די אוניווערזיטעטס קעסטלעך, אז „פראָפ. טויבענשלאג רופט אָב זיינע פאָרלעזונגען פון ערשטען טרימעסטער". זאָל דאס האבען איהם בעוואויגען צו זיין דעספּעראַטישען שריט? קלערט ער נאַאיוו, אז די טויף מעטריקע וועט איהם עפּיס העלפען?

בכלל, מיט וועמען האבען מיר דאָ צו טהוען? זאָל ער זיין א טיעף טראַגישע געשטאַלט א לאַ היינע, צי א קאַריערייסט פון טיפּ פּפעפערקאָרן? וואס מיינט דער מענש? צי וואס האט ער דאס געטוען? צי וואס?!

א דורכאויס אונפערשטענדליכער שמד.

געבאַפּט יודישע מיידלעך צום שמד

ווי אַזוי מ'פלעגט דאָס טוּן אין 18-טען יאָהרהונדערט

אינטערעסאַנטע פאַקטען און עפּיזאָדען לויט מאַטעריאַלען פון ווילנער מלוכה-אַרכיוו

פון ד"ר נ. יפה

אין מיטען 18-טען יאהרהונדערט איז אין ליטע געווען טעטיג א געוויסער קאַטוילישער גלח מיט'ן נאָמען יוזעף סטעפאַן טורינאָוויטש, וועלכער האט געגעבען א נדר אָבצושמד'ן א וואס גרעסערע צאָהל יודען. ס'איז איהם טאַקע געלונגען אָבצושמד'ן כמעט 2 טויזענד יודען; א סך פוילישע אַריסטאָקראַטישע משפחות שטאַמען פון זיינע טויף קינדער.

בעזונדער אָבער האט טורינאָוויטש'ן אינטערעסירט די יודישע פרוי. ער האט אפילו געשאַפען א ספעציעלען אָרדען פון מאַריאַוויטקעס, וועמענס ציל ס'איז געווען אָבצושמד'ן יודישע טעכטער און זיי דערציהען פאַר גוטע קריסטינס.

זעהר כאַראַקטעריסטיש איז דער אויפרוף וועלכען טוראנאָוויטש האט אַרויסגעלאָזט אין 1744 יאהר און אין וועלכען ער כאראקטעריזירט אויף פאָלגענדען אופן די יודישע פרוי פון יענער צייט: „זיי זענען נישט קיין פאַנעס און נישט קיין מוידען. צו פיזישער אַרבייט זענען זיי נישט צוגעפּאַסט און צו שוואַך. נאָכ'ן שמד ווייזט זיך דאָס יודישע מיידעל אַרויס אַלס ווייב שטאַרק אונפעהיג צו דער הויזווירטשאַפט. בכלל צייכענט זיך די יודישע פרוי אויס מיט איהר וואָקעלדיגען כאַראַקטער, פאַלט אַריין לייכט אין פערצווייפלונג און נישט קענענדיג זיך געפינען נאכ'ן שמד קיין אָרט אין דער פרעמדער געזעלשאַפט, ווערט זי אָפטמאָל אויסגעלאָסען".

טורינאָוויטשעס אידעען האבען געהאט ערפאָלג. דער פּויבסט האט בעגריסט דער ענטשטעהונג פון אָרדען. פיעל גלחים האבען געשאָנקען רייכע מתנות צו דעם צוועק. אַזוי למשל האט דער סמאָלענסקער גלח שימאָק אוועקגעשאָנקען אין 1748 הייזער אויף יודישער און יאַטקעווער גאַס דעם קלויסטער פון הייליגען סטעפאַן אויף סטעפאַן גאַס, וואו ס'געפינט זיך איצט די פרויען תפיסה און וואו טורינאָוויטש האט איינגעאָרדענט זיינע מאַריאָוויטקעס. אין 1761 האט דער ווילנער בישאָף מיכאל זענקאָוויטש איבערגעלאָזט אין זיין צוואה 25 טויזענד רובעל פאַר דעם זעלבען קלויסטער ספּעציעל אויף דער אַקציע אָבצושמד'ן יודען. א חוץ דעם ווילנער קלויסטער האבען די מאַריאַוויטקעס פערמאָגט נאָך 17 קלויסטערס אין אַנדערע שטעדט פון ליטע און ווייסרוסלאַנד. זיי האט זיך איינגעגעבען אין א קורצער צייט אָבצושמד'ן קרוב 400 מיידלעך. די געשמד'טע פלעגען זיי דערציהען, געבען נדן און חתונה מאַכען; א טייל פלעגען ווערען מאַנאַשקעס פון דעם זעלבען אָרדען.

טורינאָוויטשעס הויפט נאָכפאָלגערין איז געווען די עלטסטע פון ווילנער מאַריאָוויטען-קלויסטער מאַריאַננאַ יאַנקאָווסקאַ, העכסט וואהרשיינליך א יודישע, וועלכע איז אַליין אָבגעשמד'ט געוואָרען דורך טורינאָוויטש'ן אַלס 10-יעהריג מיידעל. דער וויזיטאָטאָר גלח אָסינסקי, וועלכער האט בעזוכט דעם קלויסטער אין 1828, האט אין קלויסטער געפינען 45 שילערינס, צווישען זיי 12 געשמד'טע יודישע מיידלעך. אין 1842 האבען זיך אין קלויסטער געפינען 26 יודישקעס.

אין די אַרכיוו-אַקטען געפינען מיר שפּורען פון גרויסע טראַגעדיעס, וואס האבען זיך אָבגעשפּילט אין יודישע משפחות צוליב דער טעטיגקייט פון די מאַריאָוויטקעס. אין 1820 ענטלויפט די 12-יעהריגע שרה'קע טראַצקי פון דער היים אין קלויסטער צו די מאַריאָוויטקעס, מיטנעמענדיג מיט זיך געלד און פערשידענע זאַכען. די עלטסטע פון קלויסטער לייקענט לכתחילה, אז ס'איז דאָ אזא מין קלויסטער און ערשט ווען דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פאָדערט דורך דער פּאָליציי אָבצוגעבען דאס מיידעל איהרע עלטערן, ווערט זי צוריקגעשיקט אהיים, אָבער ערשט נאָכדעם, ווי די עלטערן פערפליכטען זיך שריפטליך זי נישט צו בעשטראָפען פאַר'ן ענטלויפען און נישט צו צווינגען איהר חתונה צו האבען געגען איהר ווילען.

אין דעם זעלבען יאהר האט געמאַכט א גרויסען רושם דאס ענטלויפען צו די מאַריאָוויטקעס פון דער 15-יעהריגער אסתר זאָנענבערג פון סלאָנים, די טאָכטער פון בעריהמטען זונדעל זאָנענבערג, וועלכער האט דאַן אָנגעפיהרט מיט דער יודישער פּאָליטיק אין רוסלאַנד און איז געווען „דעפּוטאַט פון יודישען פאָלק" ביי דער פּעטערבורגער רעגירונג. אסתר, וועלכע איז שוין טראָץ איהר יונגען עלטער געווען א גרושה, איז ענטלאָפען מיט א שליאַכטשיץ צו די סלאָנימער מאַריאָוויטקעס, נישט פערגעסענדיג דערביי מיטצונעמען געלד און ציהרונג.

א דאַנק אָבער די גרויסע פערבינדונגען פון זונדעל זאָנענבערג האט דער קייזער, וועמענס הויף-באַנקיר זאָנענבערג איז געווען בעוויליגט אַדורכצופיהרען א שטרענגע אויספאָרשונג, אין רעזולטאַט פון וועלכער אסתר איז אַרויסגעגעבען געוואָרען די עלטערן.

אין יאהר 1850 איז א געוויסע לאה ענטלאָפען מיט חפצים צו די מאַריאָוויטקעס. אין דער פּאָליציי האט זי דערצעהלט, אז די זאַכען האט זי אָבגע'ירשנ'ט פון איהר פערשטאָרבענעם פאָטער. די מוטער איז דאַן געפאַלען אויף א המצאה: זי האט ערקלערט פאַר דער רוסישער מאַכט, אז זי וועט אָב'שמד'ן די טאָכטער אויף פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, זאָל נאָר דער קאַטוילישער קלויסטער זי אַרויסגעבען. אלע בעמיהונגען זענען אָבער געווען אומזיסט: לאה איז געבליבען אין קלויסטער.

טרויעריג איז געווען דער גורל פון דער יודישער אָרימער דאָרפס-משפחה זעליג (?) זייער טאָכטער איז געקומען קיין ווילנע מיט קריסטליכע שכנים איז דורך זיי אָבגעפיהרט געוואָרען אין מאַריאָוויטען קלויסטער. דהיי וואָכען דורכאַנאַנד האט זיך די אומגליקליכע מוטער געוואַלגערט אין ווילנע, בעטענדיג א ערלויבניש צו זעהען זיך לכל הפחות מיט דער טאָכטער. דער וויזיטאַטאָר פון די קלויסטערס האט ענדליך געגעבען זיין הסכמה און אין זיין אנוועזענהייט איז ענדליך צושטאַנדגעקומען די בעגעגעניש. אין די קאָנסיסטאָריע-אַקטען איז פערהאַן דער ראַפּאָרט פון וויזיטאַטאָר צום בישאָף, וואו ס'ווערט דערצעהלט, ווי „ענטשלאָסען און שטאָלץ שרה זעליג האט ערקלערט, אז זי וויל ווערען א קריסטין און אז זי ענטזאָגט זיך פון דער פאַמיליע און עלטערן".

אין די אַקטען פון גענעראַל-גובערנאַטאָר געפינט זיך דאָגעגען, א בקשה פון דער מוטער, אין וועלכער די „זעהונג" ווערט פאָרגעשטעלט אביסעל אנדערש: די טאָכטער איז געווען אַרומגערינגעלט פון מאַנאַשקעס און די עלטערן האבען מיט איהר קיין איין וואָרט נישט געקענט אויסרעדען. די ערקלערונג פון א גייסטליכען איז דער מאַכט אויסגעקומען מעהר בעגלויבט און שרה זעליג איז פערבליבען אין קלויסטער.

נישט אלעמאָל האבען אָבער די מאַנאַשקעס געהאט נחת פון זייערע חניכות. פיעל פלעגען ענטלויפען. אנדערע פלעגען לאַנג קעמפען געגען שמד. איז 1844 האט די 16-יעהריגע שטעדטעלדיגע יתומה בתיה לייב ערקלערט, אז זי וויל אננעמען דעם קריסטליכען גלויבען, כדי „צו ראַטעווען איהר נשמה". מ'האט זי אָבגעשיקט צו די ווילנער מאַריאָוויטקעס. נאָר, ווי עס שיינט, האט זי דאָרט איהר נשמה נישט געראַטעוועט און ס'האט איהר געצויגען צוריק. מ'שיקט איהר צום בישאָף, ער זאָל אויף איהר משפיע זיין אָבער אונטערוועגס געלונגט איהר צו ענטלויפען.

אינטערעסאַנט איז די געשיכטע מיט א געוויסער רחל קראָוועץ, וועלכע דער בישאָף האט אין נאָוועמבער 1850 אָבגעשיקט אין קלויסטער פון הייליגען סטעפאַן, זי האט דאָרט געהאלטען גאָט-לעסטערנדע רעדעס, און איז לסוף ענטלאָפען. די מאנאַשקעס האבען זיך שפּעטער געכאַפּט, אז דאס זעלבע מיידעל איז שוין ביי זיי געווען אין 1847 אונטער אַן'אַנדערן נאָמען און איז אויך דאַן ענטלאָפען.

אין 1842 יאהר האט די רוסישע רעגירונג פערבאָטען די מאַריאָוויטישע קלויסטער'ס אנצונעמען נייע מאַנאַשקעס טראָץ דעם אָבער פלעגען זיי ווייטער אָננעמען יונגע מאַנאַשקעס, געבענדיג זיי די נעמען פון די געשטאָרבענע. אין ווילנע איז אזא פאַל אויפגעדעקט געוואָרען אין 1864. די רוסישע מאַכט האט עס אנערקענט פאַר א פעלשונג און אנגעווענדעט די שאַרפסטע רעפּרעסיעס: דעם קלויסטער געשלאָסען די מאַנאַשקעס אָבגעשיקט אין אנדערע קלויסטערס, נאָכ'ן ווילנער האבען זיך געשלאָסען אויך אנדערע קלויסטער'ס פון זעלבען אָרדען.

דער גורל פון די פיעל יודישע מיידלעך, וועלכע די מאַריאָוויטקעס האבען אָבגע'שמד'ט און דאַן חתונה געמאַכט מיט קריסטען, איז אונז אומבעקאַנט. די אַקטען דערצעהלען נישט וועגען זייער ווייטערדיגען גליקליכען אָדער אומגליקליכען לעבען.

יעדענפאַלס האט די טעטיגקייט פון די מאַריאָוויטקעס אַריינגעבראַכט נישט ווייניג יודיש בלוט אין דער דעמאָלסדיגער פוילישער געזעלשאַפט.

אָרימע מענשען איז אָבער אָנגעקומען זעהר שווער אַרויסצוקריגען זייערע קינדער פון די קלויסטערס. אָט איז א טרויעריגער פאַל מיט די שוועסטער הירש, וואס איז געשעהן אין 1821. צו זיי, קיין ווילנע איז געקומען צוגאַסט פון קאָוונע א דרייצעניאהריגע שוועסטערל פרומע. זי האט פערבלאָנדזשעט אין דער פרעמדער שטאָדט און „ליבענסווירדיגע" דורכגעהער האבען איהר אָנגעוויזען א וועג גלייך צו די מאַריאָוויטקעס. דער פּאָליציי האבען די מאַנאַשקעס ערקלערט, אז דאס מיידעל איז אַלט נישט 13, נאָר 18 יאהר. אַזוי ווי ביי יודען איז דאַן קיינמאָל נישט געווען קיין דאָקומענטען וועגען עלטער פון זייערע קינדער איז די קליינע פרומע אויף אייביג פערלוירען געגאַנגען פאַר דער משפחה.

וועגען זעהר אינטערעסאַנטע פאַלען פון די 40—50 יאהרען פון פאָריגען יאהרהונדערט איז אונז געלונגען זיך צו דערוויסען פון די אַקטען פון דער קאַטוילישער קאָנסיסטאָריע.

אין קראַשטשענקא, אויף דער שוו. קינגי גאַס.

איבערהויפּט איז דאָ אין די מקומות פול מיט רבי'ס, ווי אויך מיט רבי'אישע אייניקלעך. נאָר מיט'ן אָנקומען פון גערער רבי'ן זענען אַלע רבי'ס און רבי'שע אייניקלעך פערמונקעלט געוואָרען און איבער אַלע גלאַנצט דער רוהם און דער נאָמען פון גרעסטען רבי'ן פון דער איצטיגער צייט, דער נאמען פון גערער רבי'ן.

מדינה-געהער...

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאגען, אַז טאָג-טעגליך געהען אַדורך קראַשטשענקא הונדערטער טוריסטישע גרופּען. אָפטמאָל מאַכט עס דעם איינדרוק אַזוי ווי ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו געהען זומער-צייט קאָמפּאַניעס, איינע נאָך די אַנדערע און פונקט אַזוי ווי אַמאָל ביי די פּילגרימער האט מען געפלעגט צו פרעגען פון וואַנען זיי קומען און פון ענטפער ווערט מען געוואויר, אַז מען קומט דאָ פון אלע עקען פון פוילען.

די טוריסטען געהען דאָ גאַנצע 24 שעה אין מעת-לעת, ביי טאָג און ביי נאָכט. אָט ערשט איז אַדורך א גרופּע טוריסטען און שוין זעהט מען פון דער קעגענגעזעצטער ריכטונג א צווייטע גרופּע און עס געהען יודען און קריסטען, שילער און סקויטען, דערוואַקסענע און קינדער, מענער און פרויען, מיט איין וואָרט מען האַלט אין איין וואַנדערען.

לכתחילה האָב איך נישט פערשטאַנען, וואס איז דער תכלית פון דעם געהן, אַזא קריכען אויף די בערג איז דאָך פערבינדען מיט אנשטרענגונג, נאָר ווען מיין וועניגקייט האט זיך אויך געלאָזט אָברעדען און זיך אויך געשלעפּט ביז צום פאַלען פון די פיס אויף עטליכע בערג ווי „טשערטעזשיק", „טזשי קאָראָני", „סאַקאַליצא", „לובאַן" א. אנד. האָב איך ערשט פערשטאַנען דעם שכל פון דעם וואַנדערען. דער מענש ווערט אַזוי בעגייסטערט פון די פּייסאַזשען און וואונדערליכע פּאַנאָראַמעס, אז מען וויל כסדר לויפען און בעוואונדערען.

דאָ ביי אונז ווערען אָט די טוריסטען, וועלכע האַלטען אין איין לויפען פון ראַבקע דורך קראַשטשענקא ביז קיין זאַקאָפּאַנע און די טאַטרען אָנגערופען מדינה-געהער.

שנאָרער.

און נאָך א רייהע טוריסטען וואַנדערען דאָ אַרום. אָבער שוין נישט מיט'ן צוועק צו זעהען און צו בעוואונדערען נאָר צוליעב תכלית-צוועקען. זיי שנאָרען, אויף אַלע וועגען און שטעגען טרעפט איהר זיי, ביים עסען און טרינקען, ביים פאָהרען אויפ'ן וואַסער און אין די פּיענינען ווי אויך אויפ'ן שפּאַציר.

די דאָזיגע שנאָרער טיילען זיך אויף פערשידענע קאַטעגאָריעס. אַזעלכע, וועלכע זינגען, אַזעלכע, וועלכע שפּילען און אויך אַזעלכע, וועלכע ווילען עפּיס פערקויפען.

די דאָזיגע שנאָרער געהערען צו פערשידענע נאַציעס: יודען, קריסטען און ציגיינער. זיי פאַלען אָן די ווצגען און וויפיעל איהר זאָלט זיי נישט וועלען אויסמיידען, וועט עס אייך נישט געלונגען, זיי זענען אַזוי ראַפינירט אין זייערע אויפטהוען, אַז פּטור בלא כלום וועט איהר נישט זיין.

א קאָמפּלימענט פאַר די טשענסטאָכאָווער לעטניקעס

מיט וועלכע פּענסיאָנאַט-אייגענטימער איך האָב זיך בעגעגענט האבען אַלע אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג פאַר די טשענסטאָכאָווער לעטניקעס, אַלס סאָלידע און אינטעליגענטע געסט.

דאָ אין שטשאַווניץ האָב איך אויך בעגעגענט פּענסיאָנאַט-אייגענטימער פון אַנדערע שטעדט, וועלכע זענען געקומען זיך דאָ היילען ווי למשל פון איוואַניטש, מושינע א. אַנד. און אַלע בפּה אחד האבען מסכים געווען, אַז די אָרענטליכסטע געסט זענען די טשענסטאָכאָווער.

בעת מעשה האָב איך מיר געטראַכט, אַזוי, מיר ווייסען דאָך יאָ דעם אמת, אַז אונזערע טשענסטאָכאָווער זענען נישט אַזעלכע פיינע לייט, נאָר הפּנים, אַז די געסט פון אַנדערע שטעדט זענען נאָך ערגער, אַזוי, אַז אין פערגלייך מיט אַנדערע זענען שוין אונזערע טשענסטאָכאָווער סאָליד און זאָל דאָס זיין פאַר אונזערע טשענסטאָכאָווער לעטניקעס א קאָמפּלימענט.

איבריגענס, האט שוין דער דיכטער סעגאַלאָוויטש אַמאָל אויך בעמערקט אין זיינע שריפטען, אַז אין בעצוג צו אַנדערע לעטניקעס זענען די טשענסטאָכאָווער געסט איבערהויפּט די דאַמען, סאָלידע און אַנשטענדיגע.

זי איז ל"ע שטים געוואָרען...

א מעלה האבען פּאָפּולערע קוראָרטער, וואס עס טרעפען זיך דאָ מענשען, וואס וואָלטען זיך אויסגעלעבט זייערע יאהרען און נישט געקענט.

און נאָך א מעלה איז, וואס אין דער שטאָדט, איז דער מענש צוריקגעצויגען, איינגעהאַלטען פון בעקענען זיך, דאָגעגען דאָ ווערען שנעל געשלאָסען בעקאַנטשאַפטען. עס בעגעגענען זיך ווילד פרעמדע מענשען, בעקענט מען זיך און מען איז שוין בעפריינדעט, אַזוי, ווי מען וואָלט זיך געקאַנט ס'גאַנצע לעבען.

איינמאל מאכענדיג א שפּאַציר איבער שטשאַווניץ, שטעלט מען אונז פאָר א פריילין. איך זאג מיין נאָמען, נאָר די פריילין ענטפערט נישט, זי שמייכעלט טאַקי, נאָר קיין וואָרט קומט נישט אַרויס פון איהר מויל. די ערשטע מינוט האָב איך געמיינט, אַז דאס מיידעל איז שטום, נאָר שפּעטער האט מען מיר דערצעהלט, אַז די פּאַניענקע איז אָט נאָר וואס אַוועק פון אַן'איגהאַלאַציע און נאָך אַזאַ „פּראָשעק" טאָר מען נישט רעדען א גאַנצע שעה.

פאַר'ן אָבפאָהרען, האט אונז דאס פריילין אויפגעזוכט, זיך ענטשולדיגט פאַר איהר שווייגען און ערקלערט די סיבה. עס איז איהר געווען פיינליך די סצענע—האט זי ווייטער ערקלערט—ווייל מען האט נאָך געקאָנט מיינען, אַז זי איז ל"ע א שטומע...

דער יריד אין שטעדטיל

אין קראַשטשענקאָ איז יעדען צווייטען מאָנטאג א יריד. ס'קומען זיך צונויף פון דער גאַנצער געגענד גוראַלעס מיט זייערע אויסאַרבייטונגען, וואס זענען א זעלטענהייט, טייערע אויסגעשנוצטע מכשירים, אויפגעניייהטע סערמיענגעס, אַלץ האַנד-אַרבייט, טייערע שיסעלעך און בכלל זעהר זעלטענע חפצים.

אויך אחינו בני ישראל זענען זעהר אַקטיוו אויפ'ן יריד. פון צעהנדליגער מיילען קומען צופאָהרען יודען מיט זייערע סחורות און אויך ספּעציפישע גוראַלסקע מלבושים.

איך האָב אַרומשפּאַצירט אַרום די סטראַגאַנעס און געזעהען מערקווירדיגע בילדער. יודען מיט גרויסע לאַנגע פּיאות, מיט'ן בלויזען טלית-קטן פון אויבען און מיט'ן קאַפּעל אויפ'ן קאָפּ אונטערהאַנדלען מיט א פויערטע וועגען מסחר. דאס בילד האט אויף מיר געמאַכט א משונה-מאָדנע איינדרוק דאָ אָבער איז עס א נאַטירליכע זאַך. די גוראַלעס זענען דערצו געוואוינט פון לאַנגע צייטען אָן און עס מאַכט נישט קיין בעזונדערען איינדרוק.

וואס לענגער איך קוק זיך צו צו דעם לעבען אין די מקומות קים איך צו דער איבערצייגונג, אַז די הויכע „קולטורעלע" דערגרייכונג פון אונזערע מקומות האט דאָ אָהער נאָך נישט דערגרייכט און הלואי זאָל זי אויפ'ן וועג אינגאַנצען פערשוואונדען ווערען.

ש. פראַנק

מרדכי קויפמאַן

י. מ. ווייסענבערג

(פערזענליכע ערינערונגען)

אין דער רעדאקציע האבען מיר זיך בעקענט.

דאס איז געווען מיט צוויי יאהר צוריק.

ווייסענבערג איז אַראָבגעקומען נאָך טשענסטאָכאָוו אין שייכות מיט'ן פּלאַן ארויסצוגעבען זיין ניי ווערק „אין טיפער אייביגקייט" און זאַמלען אויך אַבאָנענטען פאַר זיין ליטעראַרישען חודש-זשורנאַל „דער קריטיקער". ביז דאַן האָב איך איהם פערזענליך נישט געקענט. סך הכּול איז ער געווען פריהער ביי אונז אין שטאָדט איינציג מאָל אין יאהר 1904, וואו ער איז צוזאמען מיט י. ל. פּרצ'ן און הלל צייטלינען אויפגעטרעטען אין דער „לירא" אויף א ליטעראַרישען אָוונט. דער עלטערער דור פון אונז יונגע, וועלכע האבען זיך דאמאָלס אינטערעסירט מיט ליטעראַרישע ענינים, געדענקען נאָך געוויס דעם אָוונט.

געקענט האָב איך אָבער זעהר גוט ווייסענבערג'ן פון דער ליטעראַטור. צוזאמען מיט מענדעלע'ס, פּרצ'ן און שלום עליכם'ס שאַפונגען, האבען מיר געשלונגען זיינע פּרעכטיגע דערצעהלונגען. מען מוז זאגען דעם אמת, אז ווייסענבערג'ס זאכען האבען זיך זעהר גערן געלייענט. כאָטש זיינע טיפּען זענען נישט געווען, אַזעלכע קאָמפּליצירטע, נאָר פּראָסטע, פּשוט'ע, איז אָבער יעדע געשטאַלט, וואס איז ארויס פון זיין פעדער געווען נישט קיין אויסגעטראכטע, גענומען פון דער פאַנטאַזיע, פון דער לופט, נאָר דורכאויס רעאלע מענשען פון בלוט און פלייש, צו וועמעס פערבאָרגענע ווינקעלען ער האט זיך אריינגעקריגען און געשאַפען פון זיי פולבלוטיגע, פּסיכאָלאָגיש-אויסגעהאלטענע טיפּען.

מיר האבען זיך דאַן ענטציקט מיט זיינע הערליכע פאָלקס-דערצעהלונגען: „דריי שוועסטערלעך", „דער בעל-תשובה", אָדער—לאָמיר זאגען—„נישט בעשערט". ווייסענבערג'ס „שטעדטיל" איז געווען די טעמע פון טאג, וואס האט נישט געפעהלט אויף קיין שום ליטעראַרישען אָוונט. זיינע איבריגע זאכען, ווי: „דור הולך ודור בא", „קריינדעלע", „א וואַלד-מיידעל", „די משוגענע אין דאָרף" און נאָך א סך, א סך אנדערע שאַפונגען, האבען ווייסענבערג'ן אָוועקגעשטעלט ביי דער מזרח וואַנד פון דער יודישער ליטעראַטור און פון די יודישע קלאַסיקער.

אָבער נישט בלויז אלס קלאַסיקער האבען מיר איהם געקענט, נאָר אויך אלס קעמפער פאַראויסגעהער פון אונזער נייער מאָדערנער ליטעראַטור, אלס איינער פון די, וועלכער האט זיך געהאט זיין וועג, זיין מיינונג, פאַר קיינעם נישט געשראָקען קיין קדוש, נישט געזינגען קיינעם קיין מה-יפית, נישט געדרעהט זיך און געטאַנצט אַרום קיינעם—און דאָ הויבט זיך אָן זיין פערזענליכע טראַגעדיע, פון דאָ נעמען זיך אלע זיינע ליידען.

במשך פון זיין לענגערען אויפענטהאלט ביי אונז אין שטאָדט איז מיר, צוזאמען מיט א. ח. שיפערן, אויסגעקומען יעדען טאג כמעט צו פאַרברענגען מיט ווייסענבערג'ן פיעל שעה'ן און צווישען פערשידענע אנדערע זאכען, פראַגען און פּראָבלעמען, האבען מיר תמיד בעריהרט דעם אָנגעווייטאגטען פּונקט, פאַרוואָס ער שטעהט אין קאַמף און אָפּאָזיציע צו דער אָפיציעלער לייטונג פון יודישען ליטעראַטען-פאַראיין, פאַרוואָס ער נעגירט אַנערקענטע יודישע שרייבער און וויל מיט זיי קיין שום מגע-ומשא נישט האבען.

פּונקט אזוי ווי זיין פּען, זיין שרייבען איז געווען שניידיג—אזוי זענען זיינע ווערטער אויך געווען בייסיג, פול מיט איראָניע און חוזק.

זיינע אויספיהרונגען וועגען דאָזיגען ליטעראַרישען קאַמף זענען געווען אינטערעסאַנט און אָריגינעל ביז גאָר.

קודם כל—האט ער אונז ערקלערט—דאַרף מען זעהען די ליטוואַקעס צו בעזייטיגען פון דער אָפיציעלער לייטונג. ער האט זיי, די ליטוואַקעס, פיינד געהאט בתכלית-השנאה. אַנ'אינוואַזיע פּשוט, האבען זיי געמאכט אומעטום. גענוג, אז איהר קומט ערגיץ אריין אין וועלכער יודישער אינסטיטוציע ס'זאל נישט זיין, אז איהר זאָלט דאָרט טרעפען אלס פיהרער, אלס לייטער א ליטוואַק. איז דאס נאָך ווייניג פאַר זיי, האבען זיי אויך פאַרכאַפּט די גאנצע יודישע פּרעסע און באַלעבאַטעווען מיט דער יודישער ליטעראַטור אזוי ווי זיי פערשטעהען און די פּאָר איבריגע נישט-ליטוואַקעס טאַנצען נאָך אזוי ווי זיי ווילען.

אָבער נישט דאס בין איך אויסען, קינדער—האט ווייסענבערג ווייטער געצויגען. דער עיקר קאַמף מיינער איז דער, וואס איך האָב נישט געקענט שלום מאכען מיט'ן געדאַנק, וואס זיי האבען געמאכט פון דער יודישער ליטעראַטור א שמאַטע, עפּיס א מין סחורה צום קויפען און פערקויפען ווי, לאָמיר זאגען, ציבעלעס און קאַרטאָפעל. מען זוכט נישט קיין טאַלאַנטען, נאָר מען קויפט זיי. קיין פרישע, יונגע כחות לאָזט מען איבער דער שוועל נישט אריבער. מען האַנדעלט, מען וואַנדעלט מיט דער „סחורה" פּונקט ווי אויפ'ן מאַרק. אונזערע ליטעראַטור-טרעגער דאַרפען נישט זיין בלויז קיין מאַרק-יודענעס, נאָר אויך האבען אַנ'אידעאישען קוק אויף דער זאַך, דאַמאָלס ערשט וואָלט מעגליך געווען, אז די אַטמאָספערע זאָל זיין אביסעל ריינער און ס'זאָל זיין מיט וואס צו אָטעמען... דערווייל אָבער איז שווער, זעהר שווער...

נישט אונזער אויפגאַבע איצט צו משפט'ן ווער ס'איז גערעכט. וויכטיג איז דאס, וואס דער גרויסער שרייבער איז צוליב דעם דאָזיגען קאַמף געווען די לעצטע יאהרען אין שאָטען, איינזאַם, עלענד, פערלאָזען פון זיינע אַמאָליגע פריינד און חברים.

אין אונזערע אויגען איז ער נאָך גרעסער דערמיט, וואס כאָטש ער האט געקענט זיין,—אפשר מעהר ווי אַנ'אַנדערער—אויפ'ן העכסטען שטאַפּעל פון דערפאָלג און רוהם, פון מאַטעריעלער רייכקייט—האט ער דאָך אויף דעם אלעם מוותר געווען אין זיינע אידעאישען קוק אויף דער יודישער ליטעראַטור נישט געביטען, נישט געבויגען זיך פאַר קיינעם און גענומען דעם וואַנדער-שטעקען אין האַנד אַריין און זיך געלאָזט איבער שטעדט און שטעדטלעך זאַמלען אַבאָנענטען, כדי צו קענען ארויסגעבען זיינע ווערק מיט אייגענע כחות.

וועגען זיינע איינדרוקען און איבערלעבונגען אויף דעם געביט ביי אונז אין שטאָדט—אין נעכסטען נומער.

א. ווינער

די וויכטיגקייט פון די פאַך-דערגענצונגס-שולען פאַר דער יודישער לערן-יוגענד

יעדעס יאָהר פאַר'ן אָנהויב פון שול-יאָהר ווערט אויף די שפּאַלטען פון דער אָרטיגער פּרעסע בעריהרט די וויכטיגקייט פון בעזוכען די דערגענצונגס שולען דורך דער יודישער לערן-יוגענד.

ווי בעוואוסט, זענען אלע לערן-יונגלעך און לערן-מיידלעך אין עלטער פון 15 יאָהר אָן, וועלכע זענען בעשעפטיגט אין דער מלאכה, וואס אונטערליגט דעם אינדוסטריע-געזעץ, פערפליכטעט לויט'ן פּאַר. 117 צו בעזוכען די פאַך דערגענצונגס-שולען אין פערלויף פון גאַנצען לערן-טערמין. דאס ענדיגען די דאָזיגע דערגענצונגס שולע גיט זיי די מעגליכקייט, נאָכ'ן לערן-טערמין, זיך צו שטעלען צום געזעלען-עקזאַמען, אָהן שום שוועריגקייטען (פּאַר. 153 און 155) און נאָך 3 יאהר ארבייט אלס דיפּלאָמירטער געזעלען—קענען זיי נאָרמאַל צוטרעטען צום מייסטער-עקזאַמען. אזוי-אַרום בעקומט מען די מעגליכקייט צו ווערען א לעגאַליזירטער בעל-מלאכה און צו עפענען א וואַרשטאַט.

אַזעלכע לעגאַלע וואַרשטאַטען האבען פאַר אונז יודען, ספּעציעל אין יעצטיגען מאָמענט, א גרויסע בעדייטונג.

נישטאָ איז אָבער דאָ אָרט צו בעריהרען דעם גרויסען פעהלער, וואס עס זענען בעגאַנגען די טויזענדער אַרבייטער, וועלכע זענען בעשעפטיגט אין דער מלאכה און וועלכע האבען בעקעמפענדיג אלע שוועריגקייטען זיך בעזאָרגט מיט האַנדווערקער-קאַרטען דורך דיספּענסען (פּאַר. 146). מען דאַרף דערמאַנען די אלע, וואס פיהרען זעלבסשטענדיגע וואַרשטאַטען אויף אַזעלכע קאַרטען, אז זיי וועלען קיינמאָל נישט בעקומען קיין דיפּלאָמען און דעריבער אויך נישט קענען בעשעפטיגען לערן-יונגלעך און מיט זיי שליסען אָבמאַכען. ווען די אלע בעזיצער פון האַנדווערקער-קאַרטען דורך דיספּענסען, וואָלטען זייער ענערגיע אויסגענוצט אין דער געהעריגער צייט אויף צו בעקומען געזעלען-דיפּלאָמען, וואָלטען זיי ביים היינטיגען טאָג געווען דיפּלאָמירטע מייסטער מיט רעכט צו בעשעפטיגען לערן-יונגלעך.

בעזונדער זענען פערהאַן פיעל קאַנדידאַטען, וועלכע ווערען צום געזעלען-עקזאַמען נישט צוגעלאָזט, ווייל זיי בעזיצען נישט קיין צייגניש פון ענדיגען א פאַך-דערגענצונגס-שולע און אלע זייערע בעמיהונגען אין דער דאָזיגער ריכטונג בלייבען אָהן ערפאָלג. די שול-מאַכט בעריקזיכטיגט נישט קיין שום מאָטיווען, צוליעב וועלכע מען האט נישט בעזוכט קיין פאַך-דערגענצונגס-שולע און די אלע, וועלכע האָבען דעם ענין לייכטזיניג אָדער פאַרנאַכלעסיגט, האבען נישט קיין אויסוועג צו קענען עפענען א לעגאַלען וואַרשטאַט.

א גרויסער פאָרוואורף דאַרף צוליעב דעם געמאכט ווערען די עלטערן, ווייל ווען מען גיט אָב א קינד אין דער לעהר צו א בעל-מלאכה, דאַרף מען שליסען מיט'ן מייסטער אַנ'אָבמאַך און זיך אינטערעסירען צי דאס לערן-קינד בעזוכט נאָרמאַל די דערגענצונגס-שולע.

ליידער, ווייזען ארויס די עלטערן ווי אויך א גרויסער טייל מייסטערס, א שוואַכע פאַראינטערעסירונג אויפ'ן דאָזיגען געביעט און דעריבער פאַלט די פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף זיי, אזוי ווי די פראַגע איז אַנ'אַלגעמיינע און אָנגעווייטאָגטע, איז ביי דער דערגענצונגס-שולע געשאַפען געוואָרען א פּאַטראָנאַט, וואס זאָל אָבהיטען די לערן-יוגענד צו ערפילען זייערע פליכטען.

ביים היינטיגען טאָג איז דעריבער וויכטיג, אז אלע לערן-יונגלעך און מיידלעך, וואס זענען בעשעפטיגט אין דער מלאכה, אָדער געהן צו א מלאכה, זאָלען אויסנוצען די געצעהלטע טעג פון איינשרייבונגען אין די דערגענצונגס שולען, בכדי צו האבען די מעגליכקייט, באַלד נאָכ'ן פערענדיגען די לעהר, צוצוטרעטען צום געזעלען-עקזאַמען.

פון „טאָז"

זונטאָג, דעם 21 ד.ח. קומט פאָר די פייערליכע שליסונג פון דער האַלב-קאָלאָניע אין קאָניעצפּאָל (כזשאָנסטוב).

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, אָרדענט איין דער היגער „טאָז" אַנ'אויספלוג פאַר „טאָז"-עסקנים, פּרעסע פאָרשטעהער און געסט אויף די האַלב-קאָלאָניעס אין אָמסטוב, פּושערוב, כזשאָנסטוב און אָלשטין.

די געסט וועלען בייוואוינען קינדער-פייערליכקייטען אין פּושערוב און כזשאָנסטוב און וועלען זיך בעקענען מיט'ן לעבען פון די קינדער אויף די רעשט קאָלאָניעס.

דער דאָזיגער אויספלוג האט אַרויסגערופען אַנ'אַלגעמיינעם אינטערעס און ס'וועלען זיך אין איהם בעטייליגען עטליכע צעהנדליגע פערזאָנען.

געסט, וועלכע ווילען נאָך נעמען אַנטייל אין'ם דערמאַנטען אויספלוג, קענען אָנמעלדען זייער בעטייליגונג אין משך פון היינטיגען טאָג אין לאָקאַל פון „טאָז", טעלעפאָן 17 56.

אַרויספאָהר פון לאָקאַל פון „טאָז", בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ גאַס 3 זונטאג 7.30 פריה, צוריקקעהר – 8 אָוונט.

נ. סלאָמניצקי

שול-קולט *)

„...דאס יודישע לעבען געהט אין ביידע שפּראַכען. ווי צוויי כחות פון איין קוואַל. פון איין איינהייט וואס געהן פּאַראַלעל. אנדערש קאָן איך עס נישט אויפנעמען און דעריבער מוז זיין פולע שותפות פון ביידע קולטורען.—מיר מוזען געהן צו דעם סינטעז".—

(פון ה. לייוויק'ס א רעדע אין פּאַריז)

אלס רעזולטאַט פון זוכען א סינטעטישען צוגאַנג צו דער ערציהונגס-פראַגע פון'ם יונגען דור.—איז ענטשטאַנען די שול און קולטור געזעלשאַפט „שול-קולט".—

אין געגענזאַץ צו „תרבות" און י. ש. אָ., וואס פלעגען בלויז העברעאישע אָדער בלויז יודישע קולטור-בעדערפענישען, האט „שול-קולט" פערשטאַנען, אז ביידע שפּראַכען זענען קנינים פון'ם יודישען פאָלקס לעבען און אז סיי דאָ סיי דאָרט שפּיגעלט זיך אָב דער היסטאָרישער גראַנגעל פון פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלע און קולטורעלע זעלבסטדערהאַלטונג. און דעריבער דאַרף די יודישע אינטערוואַקסענדע יוגענד ווערען בעקענט מיט די גייסטיגע אוצרות, וואס זענען בעהאַלטען אין ביידע שפּראַכען און אזוי אַרום געבען איהר א סינטעטישע ערציהונג. בעריקזיכטענדיג די ווייטע היסטאָרישע פערגאַנגענהייט און נאָהנטע צוקונפט.—

קאָנקרעט גערעדט, הייסט עס, אז אין די שולען פון שול-קולט ווערט אין א גלייכער מאָס געלערנט סיי יודיש און סיי העברעאיש. אין אונזערע ביבליאָטעקען וועט איהר קענען געפינען אויך אַנ'אָבטיילונג פון העברעאישער ליטעראַטור און אז אויף די לעקציעס פון אונזערע פאָלקס אוניווערזיטעטען וועט צווישען אנדערען אויך ווערען בעהאַנדעלט קולטור פּראָבלעמען פון נייעם אויפוואַכענדען א"י.—און אזוי אַרום שאַפען דעם גייסטיגען סינטעז פון דער יודישער קולטור פּראָבלעמאַטיק.—

דאס איבערגעדערמאַנטע האָב איך געבראַכט אין צוזאמענהאַנג מיט דער ענטשטעהונג פון א „שול-קולט" אָבטיילונג ביי אונז אין שטאָדט. בכדי אונזערע לעזער זאָלען זיך קענען אָריענטירען וועגען מהות און כאַראַקטער פון אָט דער אינסטיטוציע, און אז אזא אינסטיטוציע פעהלט אונז, איז איבריג צו רעדען, ווען מען קוקט זיך צו ווי אזוי די טשענסטאָכאָווער יוגענד ווערט איינציגווייז פערפרעמד צו דער יודישער שפּראַך און קולטור.—

ארויסגעהענדיג פון דער הנחה טרעט צו אין קורצען די געז. „שול-קולט" צו א פערצווייגטע ארבייט אין די ראַהמען פון די דערווייל בעגרעניצטע מעגליכקייטען.—אויפ'ן ערשטען אָרט קומט אין בעטראַכט דאס עפענען א ביבליאָטעק, דאַן אָוונט קורסען פאַר יודיש שרייבען און יודישע געשיכטע פאַר יוגענד פון פּאָווסזעכנע שולען, וועלכער ווערט ליידער צוליב'ן הערשענדען דאָרט לימוד-פּראָגראַם איינגאַנצען פערפרעמד צו אונזער קולטור און געשיכטע, נישט קענענדיג זיך צו מאָל אונטערשרייבען אויף יודיש.—און דאס איז טאַקע די איינציגע סיבה פון דעם אזוי גערופענעם „שמענדריקיזם", וועלכער דרוקט זיך אויס אין'ם גראַוויטירען צו אַנ'אַנדערע שפּראַך נישט מחמת אינערליכע ליבע און פערשטענדניש פאַר איהר נאָר אויס פערפרעמדקייט צו דער אייגענער שפּראַך און פאָלקס-געשיכטע.

עס איז גאַנץ נאַטירליך, אז אונזער יוגענד אלס פּוילישע בירגער זאָל ווערען בעקאַנט מיט דער געשיכטע און קולטור פון דעם לאַנד, אין וועלכען מיר וואוינען, אָבער איך האַלט, אז צוגלייך ווי דאס יודישע קינד ווערט בעקאַנט מיט דער געשטאַלט פון „באָלעסלאַוו כראָבורי" אָדער „קאַזימיערז וויעלקי" זאָל דאס זעלבע קינד בעקאַנט ווערען מיט דער היסטאָרישער געשטאַלט פון א זרובבל, וועלכער האט די יודישע פאָלקס מאַסען ארויסגעפיהרט פון גלות בבל צוריק אויף זיין באָדען, בכדי צו זיין א פאָלק מיט פעלקער גלייך אָדער מיט א יהודה המכבי, וועלכער האט מיט דער גרעסטער מסירות נפש געקעמפט פאַר דער בעפרייאונג פון זיין פאָלק און אזוי אַרום איהם אומגעקעהרט די אומאָבהענגיגקייט. דאס וועט איהם אינספּירירען צו טראַכטען טיפער און מיט מעהר אכטונג וועגען אייגענעם פאָלק און קולטור.—

מיר לעבען אין א צייט פון גרויסע היסטאָרישע איבערטרייסלונגען, און צוגלייך מיט דעם טרייסלען זיך אויך די פונדאַמענטען פון אונזער פאָלקס לעבען. פון פערשידענע זייטען ווערען געמאכט אנגריפען אויף אונזערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און צום בעדויערען מוזען מיר פעסטשטעלען, אז דאָ האָבען די יודישע שונאים צו פערצייכענען גאַנץ בעדייטענדיגע דערגרייכונגען. אָבער איינס האַלט איך אז וואס, וואס, אָבער גייסטיג וועלען זיי אונז נישט צוזאמענברעכען, ווייל זייענדיג איבערציגט אין דער דויערהאַפטיגקייט פון די שעפערישע און גייסטיגע כוחות וואס שלומערן אין'ם יודישען פאָלק וועלען מיר מיט נאָך מעהר מוט און התלהבות נעמען בויען אונזער קולטור לעבען, וואס האט אויך א אונדירעקטען איינפלוס אויפ'ן ווירטשאַפטליכען לעבען.—און אין דעם פאַל האָף איך וועט די טשענסטאָכאָווער געזעלשאַפט „שול-קולט", וועלכע דאַרף אויפ'ן היגען באָדען רעאַליזירען די אויבען אָנגעוויזענע פּאָסטולאַטען.—

*) צוגעשיקט דורך דער געזעלשאַפט שול-קולט.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט אין תל-אביב

מוצ"ש דעם 23.7 1938 8 א זייגער איז אין לאָקאַל פון די עולי פּולניה, פאָרגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון די טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט אין תל-אביב.

אלס פאָרזיצענדער ווערט אויסגעוועהלט ח' יעקב יאַסקעל. נאָכ'ן בעעהרען די געפאַלענע קדושים מיט אויפשטעהען ווערען אַרומגערעדט די לעצטע געשעהענישען, וועלכע האבען ווירטשאַפטליך אויך נישט אויסגעמיטען אונזערע טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט. וועגען די אויפגאַבען און וויכטיגקייט פון א צוזאמענבונד פון די טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט ענטוויקעלט זיך א דיסקוסיע אין וועלכע עס נעמען אנטייל די חברים: י. א. נאַטליב, ג. פריטאַג, י. יאַסקעל, גראַנעק, י. פישהאָף, ד. האָראָוויטש און חנה גנאָט.

צום סוף ווערט אויסגעוועהלט א ועד פון פאָלגענדע פערזאָנען: גאָדעל פריטאַג, אברהם נאַטליב, יעקב יאַסקעל, ירחמיאל פישהאָף, חיים פּשירובסקי.

דינסטאג, דעם 26.7 1938 איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון וועד, אויף וועלכע עס איז פאָרגעקומען די קאָנסטיטואירונג: פאָרזיצענדער—פריטאַג, וויצע—נאַטליב, סעקרעטאַר—פּשעראָווסקי, וויצע—יאַסקעל, קאַסירער—פישהאָף. אלס ערשטע ארבייט האט דער וועד בעשלאָסען אדורכצופיהרען א ווערבירונגס-אקציע צווישען אלע טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט און צו שאַפען א גמילת חסד-קאַסע, וועלכע זאָל קענען ווי ווייט מעגליך ערטיילען פּראָצענטלאָזע הלוואות פאַר די, וועלכע נויטיגען זיך דערין.

ענדערונגען אין דער אובעזפּיעטשאַלניע

אלס קאָמיסאַר פון דער אובעזפּיעטשאַלניע אין טשענסטאָכאָוו איז נאָמינירט יעזשי דאָדעצקי, ביז-יעצטיגער קאָמיסאַר פון דער אובעזפּיעטשאַלניע אין קוטנאָ, אויף וועמענס אָרט ס'איז בעשטימט געוואָרען קאַראָל מיכאַלסקי, ביז-יעצטיגער קאָמיסאַר פון דער היגער אובעזפּיעטשאַלניע.

פון דעטאַליסטען און קליינהענדלער־פערבאַנד אין טשענסטאָכאָוו

וועגען האַנדעלס = בילדונג

די פערוואַלטונג פון צענטראַלען קליינהענדלער פערבאַנד אין טשענסטאָכאָוו, אויספיהרענדיג דעם בעשלוס פון דער עקזעקוטיוו פונ'ם פערבאַנד ביי דער צענטראַלע, האט אויף איהר זיצונג פון 17 ד. ח. בעשלאָסען צו שאפען א קאָמיסיע פאר האנדעלס־בילדונג, וועלכע וועט האבען די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירען ביי אונז אין שטאָדט די קולטור און האַנדעלס בילדונג און שאַפען האַנדעלס קורסען, פאר עלטערע און יונגע דעטאַליסטען־קליינהענדלער און אויך האַנדעלס־אַנגעשטעלטע. די קאָמיסיע, וועלכע בעשטעהט מצד דער פערוואַלטונג פון 5 פערזאָן מיט'ן פערבאַנד־פרעזעס ה' אדאָלף עפשטיין און דיר. מ. מאָנעטא, וועט אויך צוקאָאָפּטירען א גרעסערע צאהל מיטגלידער און סהוער, ווי אויך א רייהע טיכטיגע פערזאָנען מחוץ דער אָרגאַניזאַציע, וואס זאלען מיטאַרבייטען אויפ'ן געביט פון האַנדעלס־בילדונג.

וועגען פערבילליגערן די פרייזען בוימוואָל = סחורות

דער פרעמיער־מיניסטער האט אונטערגענומען אַנ'אַקציע פון פערביליגערן די פרייזען פון בוימוואָל־סחורות. צו דעם צוועק זענען גערופען געוואָרען דורכ'ן האַנדעלס מיניסטעריום ספּעציעלע קאָנפערענצען מיט'ן אנטייל פון פאָרשטעהער פון אונזער צענטראַלע, וועלכע האט בעשלאָסען צו פיהרען די אַקציע מיט דער גרעסטער ענערגיע.

אין שייכות דערמיט איז אונזער אַבטיילונג אויפגעפאָדערט געוואָרען אויסצופיהרען פונקטליך די אָנווייזונגען פון דער צענטראַלע און בכדי צו בעקענען אלע אונזערע מיטגלידער מיט די ציעלען פון דער אונטערגענומענער געמיינזאַמער אַקציע, רופען מיר אויף זונטאג, דעם 21 ד. ח. 12 בייטאג אין אייגענעם לאָקאל א גרעסערן אינפאָרמאַציאָנס־קאָנפערענץ פון דעטאַליסטען־קליינהענדלער פון די פעראינטערעסירטע בראַנזשעס, אויף וועלכע מיר בעטען אומבעדינג און פונקטליך צו קומען.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „מזרחי"

מיטוואך, דעם 17 ד. ח. איז פאָרגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג פון „מזרחי". ביי א גרויסער צאָהל אַנוועזענדע חברים עפענט די פערזאַמלונג דער וויצע־פאָרזיצענדער ה' ענגעל און ערקלערט די וויכטיגקייט פון דער היינטיגער אַלגעמיינער פערזאַמלונג. ער שלאָגט פאָר אלס פאָרזיצענדער פון דער אלג. פערז. דעם ה' אברהם דאַנציגער, וואס עס ווערט איינשטימיג אַנגענומען. אין פרעזידיום ווערען איינגעלאַדענט די ה"ה: בערלינער צבי, קאָנסענס אליעזר, אלס סעקרעטאר – דוד מאַיקאָוויטש, פון תורה ועבודה – שלמה וולאָדאַווסקי, פ'ן בעלי מלאכה דתיים – מרדכי פיגלאַרז.

ה' דאַנציגער דערמאנט די פערשטאָרבענע „מזרחי" מיטגלידער: יוסף שמעון קאָבלינץ, אברהם העניך פינקעלשטיין, אנשיל וואַרשאַווסקי, ארון טשאַרניעצקי און אויך דעם טראַגישאומגעקומענעם מרדכי שוואַרץ ז"ל. ביי דער געלעגענהייט ווערט געמאכט א הזכרה דורכ'ן היגען שטאָדט־חזן ה' כאַלעוואַ. אלע אַנוועזענדע בעהערען מיט אויפשטעהן און 2 מינוט שטילשווייגען.

דעם טעטיגקייטס בעריכט גיט אָב ה' יוסף בלעכשטיין. דעם ערגענצונגסבעריכט פון קהלה און שטאָדט־ראַט גיט אָב ה' שמואל גאָלדשטיין. איבער'ן בעריכט ענטוויקעלט זיך א דיסקוסיע, אין וועלכער עס בעטייליגען זיך די ה"ה: יהודה ענגעל, מאניס אייזנער, יצחק שטראסבערג, אליעזר קאָנסענס, יצחק שמואל רודניצקי.

נאכהער זענען פאָרגעקומען וואַהלען און עס זענען געוועהלט געוואָרען פאָלגענדע פערזאָנען: שמואל גאָלדשטיין, יהודה ענגעל, חיים וועקסלער, יצחק שטראסבערג, יעקב מאיר גרינפעלד, יוסף בלעכשטיין, אליעזר קאָנסענס, מאניס אייזנער, יצחק שמואל רודניצקי, שלמה וולאדאווסקי, מיכאל חיים בראָמאָן, שמואל ציגלער, בענצלאוויטש, קאָהן. אלס פערטרעטער: שוואַרץ, שיוועק, מרדכי פיגלאַרז, מרדכי בריל.

געשאפען א גמילת־חסד־קאַסע פאַר די טשענסטאָכאָווער אין ארץ־ישראל

נוי אונזער ארץ־ישראל־מיטאַרבייטער ה' גדל פרייטאג איז אונז מודיע, איז אין צוזאמענהאַנג מיט'ן איצטיגען קריזיס געשאפען געוואָרען אין תל־אביב אַ גמילת חסד־קאַסע דורך די טשענסטאכאווער לאַנדסלייט.

די קאַסע וועט האבען די אויפגאבע ארויסצוהעלפען די טשענסטאָכאָווער עולים, וועלכע געפונען זיך, צוליעב די לעצטע געשעהענישען אין ארץ־ישראל, אין א שווערען מאטעריעלען צושטאנד און דורך ערטיילען הלוואות זיי געבען די מעגליכקייט אדורכצוהאַלטען די שווערע צייט.

ליידער, קומט זיי שווער אָן צו שאַפען דעם געהעריגען פאָנד און זיי ווענדען זיך דעריבער דורך דער פערמיטלונג פון אונזער צייטונג מיט א הייסען אַפעל צו די טשענסטאכאווער יודען צו הילף צו קומען אונזערע לאַנדסלייט, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אין א פעראיין, אין דער דאזיגער אַקציע און שאַפען א ריכטיגע קאַסע. [sic: א ריינג קייט]

מיר האַלטען פאר איבריג צו אַגיטירען און אנצווייזען די טשענסטאָכאָווער יודען אויף דער נויטיגקייט פון אזא אונטערשטיצונג פאר אונזערע ברידער, וועלכע געפינען זיך איפ'ן קאַמפּס פראָנט.

אונזער רעדאַקציע עפענט דעם רינגקייט מיט 10 זלאָטעס און רופט די טשענסטאכאווער יודען נאכצוטהון אונזער ביישפּיעל און שפענדען געוויסע סומען אויף דעם דאָזיגען צוועק.

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „טאָז"

שבת, דעם 13 טען אויגוסט איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „טאָז". די פערזאַמלונג ווערט געעפענט דורכ'ן פרעזעס פון דער היגער „טאָז"־אַבטיילונג ד"ר סט. קאָהן, וועלכער דאַנקט אלע אַנוועזענדע פאר דער פעראינטערעסירונג מיט דער אזוי־וויכטיגער געזעלשאַפט „טאָז". עס ווערט דאַן איינשטימיג אויסגעוועהלט דאס פרעזידיום: פאָרזיצער – וו. ושעריקער, אַסעסאָרען: אדוו. קנעלער און באָרקאָווסקי, סעקרעטאַר – ד"ר ש. וויען.

נאכדעם ווי סעקרעטאַר י. ראָזינער לייענט אדורך דעם פּראָטאָקאָל פון דער פוריגער אלגעמיינער פערזאַמלונג ווערט אויפ'ן פאָרשלאג פון ד"ר קאָהן בעעהרט מיט אויפשטעהן דער אָנדענק פון דר. האַלפערן, איינער פון די גרינדער פון „טאָז" אין פוילען.

דעם בעריכט פונ'ם בודזשעט־יאָהר 1939־38 גיט אָב פרעזעס ד"ר קאָהן, וועלכער שטעלט זיך אָב אויף די געוואַלדיגע אויפטהוען און ברייטער טעטיגקייט פון „טאָז" אינ'ם פערגאַנגענעם יאָהר. עס איז גענוג צו דערמאנען, אַז היי־יאָהר זענען ערטיילט געוואָרען מעדיצינישע עצות און הילף פאר קראַנקע אין 213 כויזענד פאַלען. ביים היינטיגען טאָג עקזיסטירען ביים „טאָז" פאַלגענדע אַבטיילונגען: א בעראַטונגס־שטעלע פאר שוואַנגערע פרויען, זויגקינדער־סטאַציע, טראָפען־מילך־פונקט, אַנטי־טובערקולאָז־דיספאַנסער, הייל־שטראַהלען־גאַבינעטען, אַנטי־טראַכאָמע־פונקט, אַמבולאַטאָריום פאר קינדער אין פאָרשול און שול עלטער, צאָהן־ערצט־גאַבינעט, אַמבולאַטאָריום פאר קראַנקהייטען פון האַלז, נאָז און אויערען, שול היגיענע, היגיענע פּראָפּאַגאַנדע, זומער קאָלאָניע אין בלאַכאָווניע, האַלב קאָלאַניעס, הייל קאָלאַניעס אין טשעכאָמשינעק, הייל־קאָלאַניעס אין אָטוואָצק, בעשפּייזונגס־אַקציע. ד"ר קאָהן שטרייכט אונטער, אז אלע דאָקטוירים אַרבייטען אין די אויבענדערמאנטע אַבטיילונגען אינגאַנצען אומזיסט.

פון ווייטערען בעריכט ווייזט זיך ארויס, אַז די היגע „טאָז"־אַבטיילונג איז געוועזען צאהלרייך רעפּרעזענטירט אויף דעם אַלפּוילישען „טאָז"־צוזאמענפאָהר און אזוי־ארום בעקומען צוויי מאנדאַטען אין דער צענטראַל פערוואַלטונג. א גרויסע פעראינטערעסירונג האט אויף דער דאזיגער קאָנפערענץ ארויסגערופען דער רעפעראַט פון טשענסטאכאווער „טאָז" סעקרעטאַר י. ראָזינער וועגען פריינד פון „טאָז"־אַרבייט. אויף דער קאָנפערענץ פון „טאָז" דאָקטוירים אין לובלין איז דער היגער „טאָז" געוועזען רעפּרעזענטירט דורך ד"ר בערנשטיין. אין דער קאָנפערענץ אין וואַרשא וועגען די זומער־קאָלאָניעס האבען אַנטיילגענומען פון טשענסטאכאָוו די ח"ה ראָזינער און ברענער. דער טשענסטאכאווער „טאָז" איז געווען די ערשטע אבטיילונג אין פוילען, וועלכע האט געשאַפען די זומער קאָלאָניעס אויף דער פּראָווינץ און דערמיט געגעבען א שטויס פאַר אויס פיעל אנדערע שטעדט צו שאפען קאָלאָניעס אין די קליינע שטעדלעך. ד"ר קאהן ווייזט אויך אָן, אז טראָץ דער געוואַלדיגער פערשטאַרקונג פון דער אַרבייט אין משך פון בעריכטס־יאָהר זענען דאך די אויסגאַבען נישט פערגרעסערט געוואָרען. זייענדיג אין טשענסטאכאָוו אויף אַנ'אינספּעקציע האט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון פוילישען „טאָז" ד"ר וואָלמאַן בעוואונדערט די מוסטערהאַפטע אַרבייט פון דער היגע אַבטיילונג און אויסגעדריקט ענטציקונג פון דער טעטיגקייט.

צום סוף דאַנקט נאך ד"ר קאָהן די טשענסטאכאווער לאַנדסלייט אין אַמעריקאַ און אין פראַנקרייך פאר זייער מאַטעריעלער מיטהילף און בעזונדערס דעם פרעזעס פון דער קהלה י. ראָזענבערג, וועלכער האט ווייליענדיג אין פראַנקרייך געזאַמעלט א גרעסערע סומע פאר'ן היגען „טאָז".

דעם בעריכט ערגענצט ה' י. ראָזינער, וועלכער ווייזט אָן, אז טראָץ דעם וואס אין בעריכטס־יאָהר זענען פערקלענערט געוואָרען די סובווענצען מצד די מלוכה'שע און קאָמונאַלע אָרגאַנען האט די געזעלשאַפט גישט פערקלענערט איהר טעטיגקייט און הילף, ספּעציעל ביים בעשפּייזען אָרימע קינדער און ביים איינאָרדנען די קאָלאָניעס אַקציע.

ה' ראָזינער בעריכטעט, אז שוין אין קורצען ווערט געשאַפען א „פליהענדער אַמבולאַנס", ד. ה. אַנ'אויטאָ אין וועלכען עס וועט זיך תמיד געפינען א דאָקטאָר, ווי אויך א דענטיסטישער גאַבינעט. אזוי ארום וועט ערטיילט ווערען שנעלע הילף אין נויטיגע פאַלען, ווי אויך אין די קליינע שטעדטלעך.

דער בודזשעט ווערט פּרעלימינירט מיט 24 טויזענד זלאָטעס מעהר ווי פאַראַיאָהרען, ד.ה. 128150 זל.

פּראָקלאַמאַציע ווערען אויסגעוועהלט אין דער פערוואַלטונג די ה"ה: דר. ס. קאָהן, דר. ה. גייסלער, דר. א. וואַלבערג, דר. ב. עפּשטיין, מ. לעדער, פר. דיר. י. גראָסמאַן, ש. גרינבערג, פרוי דר. דאָבזשינסקאַ, פרוי דר. ב. העלמאַן, דר. א. ז. הירשבערג, פרוי דר. י. ליפּינסקאַ, דענטיסט א. פּרץ, דר. ד. קאַגאַן, אדוו. ע. קרויסקאָפּף און פרוי דר. י. שלייכער; אין דער רעוויזיאָנס קאמיסיע ה"ה: א. ווײַנטרויב, וו. ושעריקער און ג. פּוגער; אין עהרען געריכט ה"ה: אדוו. קאָנאַרסקי, אדוו. אַש און אדוו. ד. מאַרקאָוויטש.

KINO „EDEN".

אַלעקסאַנדער פּושקין

אויפ'ן עקראַן!

DUNIA, córka poczmistrza

דראַמאַ פון לעבען פונ'ם צאַרישען רוסלאַנד. אין די הויפּט־ראָלען:

האַרי באַור, יאַנינאַ קריספּין

איבער'ן פּראָגראַם: פּאַט.

ליקווידירט דער אָקופּאַציע־שטרייק אין דער פאַבריק „סטאַל"

אין רעזולטאַט פון א קאָנפערענץ, וועלכע איז מיטוואָך פאָרגעקומען אין אַרבייטס־אינספּעקטאָראַט איז ענדליך ליקווידירט געוואָרען דער אָקופּאַציע־שטרייק אין דער פאַבריק „סטאַל" אין רודניק, וועלכע האט געדויערט 15 וואָכען נאָכאַנאַנד. נעכטען איז שוין די פאַבריק געלאָזט געוואָרען טיילווייז אין גאַנג. פון מאָנטאַג אָן וועט זי זיין טעטיג נאָרמאַל.

Szkoła Rzemieślniczo-Przemysłowa

dla Żydów w Częstochowie

podaje do wiadomości, iż egzaminy wstępne do działów ślus.-mech. i stolarsk. odbędą się w dniach 28 i 29 b. m. Zapisy zaś trwać będą do dnia 25 b. m.

Nowo-otworzona fabryka wyrobów aluminiowych

p. f. **„Częstochowska Fabryka Wyrobów Aluminiowych „ALMET" sp. z o. o.**

Przechodnia № 12, telefony: 16 69 i 13-94

poleca: nakrycia stołowe, łyżki, łyżeczki, widelce, noże oraz inne artykuły aluminiowe w wielu gatunkach.

Towar pierwszorzędnej jakości. Ceny najniższe.

Do P. T. fabrykantów!

Na żądanie wykonuje wszelkie odlewy aluminiowe.

Obsługa pierwszorzędna.

Szkoła Zawodowa Dokształcająca Żeńska

dla Terminatorek

Związku Rzemieślników-Żydów w Częstochowie

podaje do wiadomości, że zapisy dodatkowe na rok szkolny 1938-39 odbędą się od **25** do **31** sierpnia b. r. włącznie w kancelarii szkoły przy ul. Przemysłowej 10 w godz. 17—20. Przy zapisie należy przedłożyć podanie, świadectwo szkolne, metrykę urodzenia i zaświadczenie pracodawczyni.

Druki na podania w terminie wcześniejszym uczenica otrzyma w kancelarii szkoły.

7-mio klasowa Koedukacyjna Szkoła Powszechna

Mgr. T. Wajnberżanki

w Częstochowie, I-a Aleja № 8.

די שול־קאַנצעלאַריע איז מודיע דעם ג' פּובליקום, אַז אין משך פון גאַנצען חודש שעפּטעמבער ד. י. ווערען אַנגענומען איינשרייבונגען אויפ'ן נייעם שול־יאָהר אין אַלע קלאַסען יעדען טאג פון 9 ביז 12.

גלייכצייטיג מאַכען מיר אויפמערקזאַם, אַז די פאַרבערייטונגס־קורסען אין אַלע קלאַסען קומען פאַר יעדען טאג רעגולער דעם גאַנצען חודש.

בעמערקונג: ס'ווערען אויך אַנגענומען שילער פון אַנדערע שולען אויף אַלע העברעאישע למודים. דער שכר־למוד איז אַ מינימאַלער

פאַרבערייי און בעמישע וועשעריי „BENETA"

פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאַסעלעוויטשאַ 11

פּיליע 2־טע אַלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)

10 גר.

מענער = קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל = גלאַנץ צום פּרייז

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט), 4) כעמישריינינגען און מאַסאַנירען קאָפּעלושן.

די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע־שולע אין וואַרשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

Kino „LUNA"

גאַסט־אויפטריטען פון די אויסגעצייכענטע אַרטיסטען אין דער רעווי

Znakiem tego

אין דער אויספיהרונג פון שטערנס פון דער סצענע, ראַדיאָ און פילם פאַלישעווסקי, סקווירטשינסקאַ, קאַלפּיקובנאַ, דעבסקאַ, וועלין און פאַפּלינסקי.

אויסער דעם דער פילם

Blaski i cienie kobiety

עפענטליכע זיטען־דראַמע. פאַלשע מאָראַל. צי האט א מיידעל דאס רעכט צו האבען א קינד און זיך דערצו מודה זיין. אַנהויב האַלב 6.